STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00676

IN NYU-YORK

Moshe Leib Halpern

Permanent preservation of this book was made possible by
Kenneth Turan & Patricia Warren Williams
in memory of
Max & Jean Turan and Cam & Carol Warren

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין ניו-יאָרק

אין ניו-יאָרק

פון

משה לייב האַלפּערן

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

IN NEW YORK

Poems

By MOSHE LEIB HALPERN

דריטע אויפלאַגע
ערשטע אויפלאַגע, 1919
צווייטע אויפלאַגע, 1927

ביבליאָגראַפיע, צוזאַמענגעשטעלט פון
יעפים ישורין

New York, 1954

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th St., New York 3, N. Y.

200

משה לייב האַלפּערן

* * *

זעקס און פערציק יאָר איז משה לייב האַלפּערן אַלט געווען ווען ער איז פּלוצעם און אומגעריכט אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז, דעם 31טן אויגוסט, 1932.

ער איז געבוירן געוואָרן דעם 2טן יאַנואַר, 1886, אין זלאָ־טשעוו, גאַליציע. אין 1908 איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק.

24 יאָר האָט משה לייב האַלפּערן געלעבט אין אַמעריקע, און איז געוואָרן איינער פון די באַרימטעסטע דיכטער איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסע און טיפע ווירקונג אויף אַ גרויסער צאָל יידישע פּאָעטן. זיין ליד איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַ סך, זייער אַ סך, יונגע יידישע דיכטער אויף ביידע זייטן ים.

משה לייב האַלפּערן האָט „משה לייבן" געמאַכט פאַר דעם צענטער פון אַ סך פון זיינע באַרימטע פּאָעמעס און לידער. אַזוי איז אויך „משה לייב" געוואָרן דער באַליבטער און געאַכפּערטער דיכטער פון צענדליקער טויזנטער לייענער און פאַרערער.

אַ סך פּאָעטן האָבן געשריבן ספּעציעלע לידער אויף משה לייב האַלפּערנס טויט, ווי דאָס איז צו זען פון דער ביבליאָגראַפיע, צוזאַמענגעשטעלט פון אונדזער פריינד, דעם באַקאַנטן ביבליאָ־גראַף יעפים ישורין, געדרוקט צום סוף פון דעם בוך.

מיר גיבן איצטער אַרויס משה לייב האַלפּערנס ערשטע צוויי ביכער: אין „ניו־יאָרק" און „די גאָלדענע פּאַווע".

„אין ניו־יאָרק" איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1919, אין „פאַרלאַג ווינקל", ניו־יאָרק. אין 1927 האָט די „קולטור־ליגע" אין וואַרשע איבערגעדרוקט דאָס בוך פּונקט ווי ס'איז דערשינען אין ניו־יאָרק.

„די „גאָלדענע פּאַווע" איז דערשינען אין 1924, אין ניו־יאָרק, פון „גרופּע יידיש", קליוולאַנד, אָהייאָ.

די ביידע ביכער דערשיינען איצטער לויט די ערשטע אויס־גאַבעס, אויף דער איניציאַטיוו און מיט דער מיטהילף פון דעם דיכטערס משפּחה: פרוי רויזעלע האַלפּערן און דעם זון פּראָ־פעסאָר אייזיק האַלפּערן און פריינד.

פאַרלאַג מתנות

(ל)

אינהאַלט:

זייט

אונדזער גאָרטן

אונדזער גאָרטן — 13
גוטמאָרגן, ליבע זון — 15
צווישן קוימענרויכן — 16
אָט־אַזוי־אָ... — 17
זאָג איך צו מיר — 18
אַזוי איז אונדז באַשערט — 20
דער ערשטער פרילינג־טאָג — 21
ווי אַ שיינער זומער־פויגל — 23
גאָט־העלף, ליבע זון! — 25
איינער — אַ מענטש — 27
קנעכטיש בלוט — 28
דאָס אייביקע שפּיל — 29
דינסטיק — 30
Watch your step — 31
אין גאָלדענעם לאַנד — 32
עס וועט זיין — 34
דער גאַסן־פויקער — 36
פון מיינע זעאונגען — 37
אונדזער ערד — 39
אַ תפילה פון אַ לומפּ — 41
בלוט־בליצן — 43
גינגילי — 44
דיין לעבן — 47
Pan Jablonsky — 48

אין דער פרעמד

אין דער פרעמד — 61
לייב־בער — 75
בענק אַהיים — 78
מיר פון היינט — 79
פּאָרטרעט: מיין זיידע — 82
Sir John — 87
איך זאָג — 92
מיין פּאָרטרעט — 92

זייט

בלאָנד און בלוי

גיי פאַרטרייב זיי... — 95
R.-B. — 96
אַ מעשהלע — 97
R.-B. — 99
אומרו מיינע — 101
אַללאַ! — 102
אַ שיקסל ביים ים — 104
ניט זיין שיקסל — 106
אַ גוטער חלום — 107
זשום־זשום־זשום — 108
Momento Mori — 109
אָוונט־רו ביים ים — 110
רינגל־רינגל־רינגל־ראָד — 114
סאַלאָמע — 116
רויטער רעגן — 118
מאַדאַם — 120
אין סאַבוויי — 122
אַ מאָדנע מחשבה — 123
ווי אַ גאָלדן זעגל־שיפל — 124
לאַדושקאַ — 125
אַלבום־פּראָזן — 130
צו אייך אַלע — 131
איך בין נישט ווערט — 132
אין דיר — 132
ביים ווייַן — 133
לאַ־לאַ — 135
דער פּעכער און די רויז — 137
און דו אַ פרעמדנס פרוי — 139
האַרבסט — 140
וואָס מיינסטו נישט? — 141
דו ווילדע מיינע דו — 142
דערציי ל — 143
כי־כי — 144

אָוונט

יצחק לייבוש פּרץ — 147
נאָך דער שבעה — 150
די זון פאַרגייט — 153
די זון וועט אַרונטערגיין — 156
אָוונט — 157
עס טרעפט אַמאָל — 158
גלאַט־אַזוי — 159
.0 — 160
אין זילבערנעם לאַנד — 161
ס'איז לאַנגווייליק מיר — 163

זײַט

שפּיל איך זיך — 165
צו דער לבנה — 166
אין מיטן דער נאַכט — 167
הויקער, דו — 168
הילדאַ, שרײַב צו מיר — 169
דער זייגער גייט — 171
ווער ווײַנט — 173
פון וואַנען? — 174
אַלײן — 175
ווינט און רעגן — 175
וואָס נאַרסטו זיך אָפּ? — 176
בײַם שפּיגל — 176
קלאַפּט דער זייגער — 177
ווילסטו וויסן? — 177
ווי פינצטער — 178
וואָס ווילן זיי? — 178
דאָס געשעענע — 179
דאָס לעצטע ליד — 179
ווער איז? — 180

אַ נאַכט

אַ נאַכט — 183

ביבליאָגראַפיע, צונויפגעשטעלט פון יעפים ישורין — 225

I

אונדזער גאָרטן

דאָס דאָזיקע בילד איז דאָס לעצטע וואָס משה לייב האַלפּערן האָט
געמאָלן פֿון זיך אַליין. ווי עס זעט אויס האָט ער
עס נישט פֿאַרענדיקט.

אונדזער גאָרטן

אַזאַ גאָרטן, וואו דער בוים
האָט זיך זיבן בלעטלעך קוים,
און עס דאַכט זיך, אַז ער טראַכט:
— ווער האָט מיך אַהער געבראַכט?
אַזאַ גאָרטן, אַזאַ גאָרטן,
וואו מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז
קאָן מען זען אַביסל גראָז,
זאָל דאָס אונדזער גאָרטן זיין
אַט אַזאַ אין מאַרגנשיין?
אוודאי אונדזער גאָרטן. וואָס דען, ניט אונדזער גאָרטן?

אַזאַ וועכטער, ווייַ און ווינד,
מיט אַ שטעקן ווי פאַר הינט,
וועקט ער אויף אין גראָז די לייט
און פאַרטרייבט זיי ערגעץ ווייט,
אַזאַ וועכטער, אַזאַ וועכטער,
וואָס ביים קאָלנער נעמט ער אָן
דעם וואָס האָט קיין בייז געטאָן.
זאָל דאָס אונדזער וועכטער זיין,
אַט אַזאַ אין מאַרגנשיין? —
אוודאי אונדזער וועכטער. וואָס דען, ניט אונדזער וועכטער?

אַזאַ פויגל, וואָס פאַרגעסט
זיינע קינדערלעך אין נעסט,
זוכט פאַר זיי קיין עסן ניט,
זינגט מיט זיי קיין מאָרגנליד.
אַזאַ פויגל, אַזאַ פויגל,
וואָס ער הייבט זיך גאָרנישט אויף
און ער פּרוואווט ניט פליִ'ן אַרויף.
זאָל דאָס אונדזער פויגל זיין
אָט אַזאַ אין מאָרגנשיין? —
אַוודאי אונדזער פויגל. וואָס דען, ניט אונדזער .פויגל!

גוטמאָרגן, ליבע זון

זענען שוין פאַרמאַכט די שענקען,
הייב איך אָן נאָך שלאָף צו בענקען;
גיי איך מיר אַהיים שוין אויך —
זונשיין אין דער הויך.

קומט אַ גאַסנפרוי — געגאַנגען
מיד דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען;
שלעפּט זי זיך אַהיים שוין אויך —
זונשיין אין דער הויך.

שלעפּט זי זיך און דרימלט אונטער,
גליטשט זיך איר דער הוט אַרונטער;
דרימלט ער אויף דר'ערד שוין אויך —
זונשיין אין דער הויך.

שטייט אַ וועכטער, ניט דערשלאָפן,
האַלט ער קוים די אויגן אָפן;
וויגט ער זיך און דרימלט אויך —
זונשיין אין דער הויך.

צווישן קוימענרויכן

כאַפּט ער זיך פון שלאָף דער דאָרפס־יונג
הערט ער פייגל זינגען,
הער איך מילך־קענדלעך און רעדער
אין דעם זייגער קלינגען.

זעט דער דאָרפס־יונג דורכן פענצטער
באַרג און הימל בלויען,
זע איך וואַקס־פאַרגעלטע, גראָבע,
גענעצדיקע פרויען.

לויפט אַרויס אין פעלד דער דאָרפס־יונג
זומער־פייגל פאַנגען,
טרייב איך אַלטע קעץ אַרונטער
פון די גאַניק־שטאַנגען.

גיב דעם דאָרפס־יונג אַ פּאָר פליגל,
וואו ער שפּילט זיך דאָרטן,
וועט ער פליען קאַרשן עסן
אין זיין שכנס גאָרטן.

אָדער ער וועט גאָר פון הימל
ברענגען גאָלד אַ הויפן, —
וועט מיט אים די מאַמע פאָרן
שיינע זאַכן קויפן.

מיר, אַז דו וועסט פליגל געבן,
וועל איך ווי געבונדן
זיצן אין אַ שטייג פון אייזן
אין געהאַקטע וואונדן;

אָדער איך וועל זיצן אויבן
אויף אַ דאַך אַ הויכן,
קוקן אויף אַ העמד, וואָס וויגט זיך
צווישן קוימענרויכן.

אָט-אַזוי-אָ...

אַ ווינט, וואָס טראָגט אַ שטיק פּאַפּיר אַרויף
פון קענדלעך מיסט, וואָס שטייען אויפן הויף.
אַ העמד וואָס בלאָזט זיך אויף אַ שטריק.
און דאָרט אין פענטצער וויזאַווי,
ווי נעכטן אין דער פרי,
אַ מאַן-און-ווייב-געקריג.
ער בעט זי שקאַרפּעטקעס אַ פּאָר —
זי הייסט אים גיין צום שוואַרצן יאָר —
ער מאַכט אַ פויסט און טוט אַ שפּרונג —
זי מאַכט אַ פייג און ווייזט די צונג —
ער שרייט —
זי שפּייט —
און אויבן, אין דער הויך,
אַ וואָלקן מיט אַ רויך.

זאָג איך צו מיר —

— צי מוזטו ביים פענצטער דאָ שטיין?
דו קאָנסט דאָך אין גאַס אַריין גיין.

— די גאַס איז פאַר הענדלער און לייט,
וואָס מעסטן מיט געלט זייער צייט;
די גאַס איז פאַר באַנען, וואָס פלי׳ן
ווי פייגל אַהער און אַהין;
די גאַס איז פאַר קינדער און קעץ,
וואָס שפּרינגען ווי פיש אין אַ נעץ;
די גאַס איז פאַר שיכורע אויך,
וואָס וואַקלען זיך גרויע ווי רויך,
און גיבן אַוועק זיי׳רע טעג
צו פלאָנטערן זיך אויפן וועג.

— ראַזיר זיך, און בערשטל זיך אָפּ
און גיי אין קאַפע־הויז אַראָפּ.

— דאָרט זיצן דאָך אַלע אין ראָד,
נאַקעטע ווי אין אַ באָד,
דאָרט קריכט מען דאָך אויך אין דער הויך,
און שמייסן זיך שמייסט מען דאָרט אויך,
אַזוי ווי אין באָד אויף די טרעפּ,
מיט בעזעמער איבער די קעפּ.
און רעדן אויך — זיצט מען און רעדט
פון זיך און פון ווייב און פון בעט,
און שלעפּערדיק — שלאָפט מען אויך דאָרט
ביים טיש אויף דעם אייגענעם אָרט.

— קויף בלומען און קלאַפּ אין דער טיר
אין הויז, וואו מען וואַרט היינט אויף דיר.

— וואָס טויג מיר יחסנישער שטאָלץ
אויף פּנימער האַרטע ווי האָלץ?
וואָס טויג מיר די רייכקייט, וואָס שרייט,
ווי נאָכגעמאַכט סאַמעט און זייד?
וואָס טויג מיר דאָס פייער, וואָס ברענט
פון דימענטן גרויסע, אויף הענט?
וואָס טויג מיר די ליבע, די לוסט,
וואָס ווייזט מיר אַ נאַקעטע ברוסט?
וואָס טויג מיר די רייכקייט, וואָס לאַכט
פון אַלצדינג, וואָס בענקט און וואָס טראַכט?

— די וועלט, חוץ דער שטאָט, איז דאָך גרויס,
פאַר וואָס-זשע ניט וואַנדערסטו אויס?

—איך ווייס, אַז נאָך גרויס איז די וועלט,
און רייך נאָך אין וואַלד און אין פעלד,
נאָר איך קאָן ניט פועלן ביי זיך
צו נעמען אויף די אַקסל די שיך.
אויך דאָ בלייבן קאָן איך ניט מער,
ווייל דאָ בלייבן איז מיר צו שווער.
נו, לעב איך און וואַרט אויף אַ נס.
און לעבעדיק — בין איך אַ מת,
וואָס וואָגלט פאַרלוירן און שטום
אין עולם-התוהו אַרום.

אַזוי איז אונדז באַשערט

יונגע פישער־יונגעז זינגען ווי דער ים דער פרייער.
יונגע קאָוואַליעס געזונטע זינגען ווי דאָס פייער.
מיר, געגליכענע צו חורבות אין אַ וויסטער געגנט
זינגען ווי די פוסטקייט דאָרטן, ווען עס פלייצט און רעגנט.
שפּילן קינדער זיך אין גאָרטן — זינגען זיי צוזאַמען.
לעבט אין דעם געזאַנג די ליבע פון אַ גוטער מאַמען.
אונדז האָט — דאַכט זיך אוים — קיין מאַמע קיינמאָל ניט געבוירן.
זינגענדיק האָט דאָס שלימזל אונדז אין וועג פאַרלוירן.
זינגען מיר שלימזלדיקע גלאַט־אַזוי־געזאַנגען.
אפשר ווי פּאַפּוגעס ערגעץ אויף די שטייגן־שטאַנגען.
אפשר ווי פאַרנאַכט די זשאַבעס צווישן זומפּ און גראָזן,
אָדער גאָר ווי וועש אין דרויסן, ווען די ווינטן בלאָזן ;
אָדער אפשר ווי סטראַשידלעס, וואָס מען האָט פאַרגעסן
אויפן פעלד, ווען ס'האָט דער האַרבסט שוין אַלצדינג אויפגעפרעסן.

דער ערשטער פרילינג-טאָג

מיר גייען ווי טענצער לייכט אויף גלאַטן האַרטן שטיין,
מיר גייען מיליאָנענווייז, און איטלעכער אַליין,
און אונדזער גרויסע זון שיינט בלאַנק, ווי גאָלד און ברענט
אין פענצטער-גלאָז פון זיבנגאָרנדיקע ווענט,
אויף גאַניקעס, אויף קאַלדערעס און טעפּ,
און אויף די ווינדלען אויך, וואָס הענגען אויף די טרעפּ
און פלאַטערן ווי פאָנען שטאָלץ אין פרילינגס-ווינט.
און ביי אַ פענצטער אויפן ערשטן שטאָק אַ מוטער,
נאַקעט נאָך כמעט — און אויפן שויס אַ קינד
וואָס האַלט איןביידע הענטלעך ברויט מיט פּוטער
און ציט זיך מיט די ליפּלעך צו דער מוטערס מויל,
וואָס עפנט זיך און שיקט — אַ גענעץ לאַנג און פויל —
אַן ערשטן פרילינג-גרוס אין גאַס אַרויס.
דערנאָך — דו קוקסט זיך אום און ס׳נעמט אַ רגע בלויז,
און רוישנדיק פון וויטן ווי אַ וואַסער-מיל,
און מיט אַ שטויב פון פאָרנט קומט אַן אויטאָמאָביל —
און יאָגט זיך דורכן גאַס און רעוועט ווילד און הויך,
און יאָגט פאַרביי און לאָזט נאָך זיך אַ וואָלקן רויך,
וואָס מישט זיך אויס מיט זון און שטויב און ציט זיך לאַנג
און שימערירט אין רעגנבויגן-פאַרבן,
און שענקט זיין גאָזאָלין-גערוך מיט גרויס גנאָד
צו אונדז, די לייט וואָס וואוינען אין דער גרויסער שטאָט,
און זענען (ווי דאָקטוירים זאָגן) לונגענקראַנק.
און דאַרפן ריינע לופט פאַמעלעכער צו שטאַרבן.
דערוויל שטייט אָנגעשפּאַרט ביים ראָג פון גאַס,
די הענט אין קעשענע, און ווי אַ האַרבסט-טאָג בלאַס,
אַ דאַרער יונגערמאַן מיט טרוימער-אויגן צוויי

און טראַכט אַ פרילינג-ליד פון ליבע און פון ווײ,
און שטילערהייט אין האַרץ בײ זיך באַשטימט ער שוין
צו גײן און אײנצוהאַנדלען פאַר זײן שפּאָנגעם-לוין
אַ העמד, אַ נײעם ראָק און ברוינע שיך אַ פּאָר,
און בײם באַרבירער קירצן זיך די לאַנגע האָר
און אויף אַ קאַווע װעט דאָך אויך נאָך בלײבן
און װעט דאָס ניט —
נו, װעט ער שוין, במחילה, מוזן שרײבן
נאָך אַ פרילינג-ליד
פאַר אונדזער װאונדערלעכער װעלט,
װאָס גאַרט אַזוי צו הערן פון אַ בלום װאָס בליט
און פון אַ גערן פײגעלע װאָס טרעלט און טרעלט
און טרעלט נאָך אַביסל.

ווי אַ שיינער זומער-פויגל

ווי אַ שיינער זומער-פויגל צווישן בלומען פרישע, רויטע
פלעגט אַרומפליען זיין נשמה צווישן ספרים-בלעטער טויטע,
ביז ער איז אַהער געקומען, וואו די פרעס פון שווערן אייזן
האָט געוואָרט ער זאָל די חכמה פון זיין תורה איר באַווייזן.

אָבער — ווי זאָגט ערגעץ ניטשע — לייכטן מוזן אַלע זונען, —
האָט מיין העלד זיין קלויז און שטענדער אויך ביי אונדז אין לאַנד
געפונען.
זיצט ער טאָקע אַלע אָוונט ביי אַן אַלטן ספר דאָרטן,
הערט ער פון אַ שטוב דאַלעבן טרינק-געזאַנג און שפּיל פון קאָרטן,

הערט ער גאַס-געשריי פון דרויסן, בענקט ער נאָך זיין היים דער אַלטער.
גייט זיין האַרץ דורך יוגנט-יאָרן פרעמד, ווי דורך אַ וויסטער, קאַלטער
אַסיען-געגנט, אַ וואַנדראָוּוניק. זעט ער וואָלקנס, ווינט און בלאָטע.
שלעפּט ער זיך אַהיים פון חדר אין זיין טאַטנס אַ קאַפּאָטע.

שילט די מאַמע אים ביים עסן, און מיט בייזע ווילדע אויגן
קוקט פון בעט אויף אים דער טאַטע. בלייבט ער שטיין דעם קאָפּ
געבויגן
און ער טראַכט פון זיינס אַ חבר, וואָס איז פון דער היים אַנטלאָפן.
זשומט דאָס לעמפּל, קלאַפּט דער זייגער, ווערט ער מיד און לייגט
זיך שלאָפן.

שלאָפט ער אָפּ אַזוי אַ יוגנט, ווערט ער עלטער, קראַנקער, בלאַסער,
זיצט ער שוין אין אַ ישיבה — לעבט ער דאָרט אויף ברויט מיט וואַסער.
האָט ער ניט קיין העמד צום אָנטאָן — וואָס-זשע דאַרפן פרעמדע
וויסן ?
זיצט ער אויף דער באַנק דער האַרטער — ווערן הויזן אים צעריסן.

איז די שמשטע אַ בלינדע — נייט זי אָן אַ ווייסע לאַטע.
האָט ער פריער געהייסן חיים — הייסט ער נאָכדעם חיים שמאַטע.
רופן לאַנדסלייט אים אויך איצטער חיים שמאַטע. זאָגט ער גאָרנישט. —
אָרמע פראָסטע מענטשן, טראַכט ער, ווייסן זיי ניט וואָס מען טאָר נישט.

און אַזוי־אָ לעבט ער ווייטער עלנט דאָ אין לאַנד און אָרעם.
אַלע טאָג ביים אייזן שטייט ער. אָוונטס זיצט ער איבער ספרים.
ווי אַ קינד, וואָס האָט דער מאַמעס חדר־גראָשן אָנגעוואוירן,
וויינט ער אָפטמאָל אויף זיין לעבן וואָס ער האָט אַזוי פאַרלוירן.

אָפטמאָל אויך, ווי אויף אַ קבר, בלייבט ער אויפן ספר ליגן
מיטן קאָפּ אויףביידע אָרעמס. זינגט ער דעמאָלט — קלינגט זיין ניגון,
ווי דאָס ליד וואָס איך און דו אויך זינגען אין די אָוונט־שטונדן,
ווען זכרונות אַלטע וועקן ווייטיקן פון אַלטע וואונדן.

איך און דו — מיר האָבן ביכלעך, ליגן אין די בלעטער בלומען.
בענטשן מיר די שעה די שיינע, ווען מיר האָבן זיי באַקומען.
בענטשן מיר די האַנט די שיינע, וואָס האָט אונדז די בלום געגעבן.
ער האָט גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט, הארבסט און גרויקייט
איז זיין לעבן.

נאַט-העלף, ליבע זון!

זינגט די גאַס איר מיטאָג-ליד,
ברענט די זון, ווי זשאַר, און גליט,
שטייט אַ מענטשל דאַר און בלאַס
ביי אַ וועגל אויפן גאַס.
גייען לייט אַרויף, אַראָפּ,
שטרעקט דאָס מענטשל אויס דעם קאָפּ
און עס הייבט צו רופן אָן
מיט אַ קול ווי פון אַ האָן.
קומען לייט פון אומעטום
און זיי שטעלן זיך אַרום.
שטרעקט מען קעפּ און העלדזער אויס,
קוקן אויגן נאַריש גרויס.
הייבט דאָס מענטשל עפּעס אויף,
האַלט עס איבער זיך אַרויף.
הייבט אָן ווערן אַ געדרענג,
ווערט דעם מענטשל היים און ענג.
ווערט דעם מענטשל ענג און היים,
ווישט עס אָפּ פון זיך דעם שווייס,
וואַרפט דאָס היטל פונעם קאָפּ,
ציט דאָס אויבערהעמד אַראָפּ,

שטרעקט עס נאַקעטע די הענט
אין דער לופט אַריין, וואָס ברענט.
רוישט די גאַס פון נאָנט און ווייט,
הערט ניט קיינער, וואָס סע שרייט,
נעמען אַלע זיך צעגיין
און זיי לאָזן אים אַליין.
זעט דאָס מענטשל דאָר און בלאַס
זיך אַליין אין מיטן גאַס,
הייבט עס העכער אויף דאָס קול
נאָך און נאָך און נאָכאַמאָל.
לאָזט זיך גאָרנישט אוים דערפון,
ווייסט עס מער ניט וואָס צו טאָן,
לאָזט עס הענט און אַקסל אָפּ
און עס לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.
און עס שנירט זיך אויף די שיך,
און עס ווישט דעם שווייס פון זיך,
און עס נעמט אַ פּאַפּיראָס
און עס גיט אַ ציִ, אַ בלאָז,
און מיט אויגלעך צו דער הויך
קוקט עס, ווי עס גייט דער רויך.

איינער — אַ מענטש

אַן אַלטער צעקנייטשטער צילינדער ביים רינשטאָק אויף דר׳ערד
און איינער אַ מענטש מיט אַ ליפּ ווי מע זעט ביי אַ פערד.
געמאַכט האָט ער פּויסטן אַנטקעגן דער שענק־טיר געוועוועדט,
און ס׳האָט זיך די נאָז אויף זיין פּנים ווי פייער צעברענט.
געוואָלט האָט ער וויסן פאַרוואָס יעדער הונט האָט אַ הויז
און אים, וואָס אַ מענטש איז ער, וואַרפט מען פון שענק אויך אַרויס.
געוויינט האָט ער הויך און געפּאַטשט מיט אַ האַנט אין אַ האַנט,
געפרעגט ביי דער וועלט זיך פאַרוואָס זי לאָזט צו אַזאַ שאַנד
און וויינענדיק האָט ער געוויזן די הויזן, די שיך,
וואָס זענען צעקראַכן אויף אים ווי די האָר אויף זיין פליך
און וויינענדיק האָט ער דערציילט פון די טויזנט מאָרג פעלד
וואָס ער האָט פאַרשפּילט, ווייל זיין ווייב האָט נאָר ליב געהאַט געלט.
„פאַרשפּילט!" — האָט ער איבערגעזאָגט — און געקלאַפּט זיך
אין ברוסט,
אַזוי ביז ער האָט מיט דעם אמתן פייף זיך צעהוסט.
און ווער ס׳איז געקומען און ווער ס׳איז געגאַנגען פאַרביי —
האָט איינער אַ בורטשע געטאָן און דער צווייטער אַ שפּיי.
און ווער ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט אויך און געקוקט און געלאַכט,
און ווער ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט אויך און אַ ווייל זיך פאַרטראַכט.
און ער האָט געהוסט און געבויגן צו דר׳ערד זיך אַראָפּ,
און ער האָט געוויינט מיט די הענט אויף זיין ליסענעם קאָפּ, —
אַזוי, ביז ער האָט אויך געוויזן די בייל אויף דער באַק,
וואָס אים האָט דער שענקער געמאַכט מיט אַ פּויסט ווי אַ האַק;
אַזוי, ביז ער האָט שוין גערעדט צו זיך איינעם אַליין
און האָט אויך דאַביי (אויב מען קען דאָס נאָך אָנרופן גיין)
געלאָזן זיך גיין מיט די פּיס ווי מיט קלעצער צעשפּרייט,
פון יונגען און קינדער מיט טענץ און געשרייען באַגלייט.

קנעכטיש בלוט

וואַקסן וועגט אַרויף ווי פעלזן,
ווערן טורעמס ברייטער, העכער,
הייבט זיך אויף די זון און שפּרייט זיך
איבער גאַסן ווייט און דעכער;

מישט זיך שטויב מיט רויך און זונשיין,
פליען אויבן אונטן באַנען,
שפּאַנען ווילד, ווי בופלהאַרדעס,
מענטשן דורך די רויך־טומאַנען;

האָט די פּראַצע טויזנט מיילער,
האָט זי ציין צו ברעכן שטיינער, —
פרעסט זי מענטשנפלייש און כראַמשקעט
הויפנווייז ווי שטרוי די ביינער.

קנעכטיש בלוט, פון הינט דיין אַפּששאַם!
טויט דיר צווישן שטיין און אייזן!
בלויז אויף דיר אַ שפּיי צו געבן
זאָל דער נביא זיך באַווייזן.

דאָס אייביקע שפּיל

און אַזוי, פּאָר ברויט מיט רינדפלייש גיט מען אַפּ די טעג פון לעבן,
דאַכט זיך איינעם, אַז ר'איז מיד שוין, ווייל ער האָט צופיל געגעבן, —
פאַלן אָן אויף אים, ווי ראָבן, זיינע אייגענע געדאַנקען,
טוט ער זיך אַ בויג נאָך טיפער צום מאַשין־ראָד צו דעם בלאַנקן.
זאָל ער מיט די אייגענע נעגל זיך אַליין די הענט צערייסן?
(ווער עס איז צום טויט פאַראורטיילט, פּרוּווט די גראַטעס צו צעבייסן.)

אָבער רולאַז, ווי עס דרייט זיך אַ פאַרכישופט־ווילדער וויכער,
דרייט די טרייב־קראַפט זיין מאַשין־ראָד טויזנט־פערדיק שטאַרק און זיכער.
און אַזוי גייט אָן דאָס שוישפּיל אין דעם לעבנס־קאַמף דעם שווערן:
איינעם שטאַרק צו מאַכן, מוזן טויזנט שוואַכע שוואַכער ווערן.
און אַזוי גייט אָן דאָס שוישפּיל זינט די וועלט האָט טעג און יאָרן.
פינצטערער איז בלויז די בינע אין דער גרויסער שטאָט געוואָרן.
אָן עלעקטערישער גלי־לאַמפּ אימיטירט די זון פון הימל
און פון פרי ביז אָוונט שפּילט מען צווישן ווענט פון שטויב און שימל
און דער לאָזשן־גאַסט, דער געלט־גאָט, לאָזט זיך ניט דעם שפּיל פאַרדאַרבן,
ווער עס שפּילט די העלדן־ראָלע, דער מוז אויף דער בינע שטאַרבן.
זינגער זינגען אויף דער בינע, ביז עס ווערט דאָס האַרץ צעריסן.
פּראָסטע שפּילער און סטאַטיסטן שטאַרבן הינטער די קוליסן.

דינסטיק

שטייט אין מיטן שטוב אַ טישל,
ליגן האַלב-געמאַכטע קליידלעך
אויפן טישל;
ליגן שפּילקעס, האָר און קעמל-ציינדלעך
אויסגעמישט מיט מאָדע-בלעטער,
אויסגעמישט מיט הערינג-ביינדלעך,
אויפן טישל.
אויף דער וואַנט הענגט מאַרקס,
לעבן אים אַן אַלטע באָבע —
אויפן קאָפּ אַ שטערן-טיכל.
הענגען ביידע איינגעהילט אין שפּינגעוועבן.
און די מיידלעך —
דאָ און דאָרט ביי די מאַשינען.
כאַטש גיי רופן אַ מכשף
ער זאָל אויסלייגן אין קאָרטן, —
צי פאַר יענער דאָרט אין ווינקל
איז דער טיילאָר דזשייק אַ זיווג
פונעם הימל.
און פאַר יענער, איר אַנטקעגן,
צי דער גרויסער פּרינץ פון יאַמאַ —
וואָס זי טרוימט פון אים — וועט קומען
און פאַר דער, וואָס טרוימט שוין גאָרנישט,
צי זי וועט אַזוי שוין טאַקע
אין איר געל-געבלימטן קליידל
ביז אין גראָען צאָפּ פאַרזיצן
איינגעקאָרטשעט ביים געניי — — — —

WATCH YOUR STEP!

גאָלד איז די צייט אין דעם גאָלדענעם לאַנד.
גיט מען אַ קלונג און אַ הויב מיט אַ האַנט,
קלאַפּן זיך טירן צו הילכיק און שנעל,
פליט דער עקספּרעס דורכן שוואַרצן טונעל
שנעלער פון ווינט און געשווינדער פון בליק.
פליען פאַרביי מיט דער וואַנט אויף צוריק
שטערן נאָך שטערן אין גרין און אין רויט —
גרין איז דאָס לעבן און רויט איז דער טויט.
לאָזט אַ סיגנאַל זיך פאָראויס אין געיעג,
וואַרפט ער און שליידערט ער אַלץ אויסן וועג.
רודערן רעדער אין ווילדן געלויף,
טראָגן זיך באַנען אַראָפּ און אַרויף,
טראָגן זיך פייגל פון גאָלד און פון גלות, —
צינדט זיך מיר אָן אַ באַגער אין מיין בלוט
הייסער פון גלות און נאָך העלער פון גאָלד.
היי! — ווי עס וואָלט זיך אַ כאַפּ טאָן געוואָלט
אָט־אַזאַ פויגל! — האַ־האָ, סאַראַ פּראַכט!
יאָגט ער פאַרביי, ווי אַ בליץ אין דער נאַכט.
יאָגן און טראָגן זיך פייגל און פלי'ן
ליכטיק, ווי בליצן, אַהער און אַהין.
ליכטיק, ווי בליצן פאַרביי נאָכאַנאַנד —
גאָלדענע פייגל פון גאָלדענעם לאַנד.

אין גאָלדענעם לאַנד

— צי דען וואָלסטו, מאַמע, מיר גלויבן געוואָלט,
אַז אַלצדינג ביי אונדז ווערט פאַרוואַנדלט אין גאָלד,
אַז גאָלד ווערט פון בלוט און פון אייזן געמאַכט,
פון בלוט און פון אייזן ביי טאָג און ביי נאַכט?

— מיין זון, פאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך ניט,
אַ מאַמע דערקאַנט און אַ מאַמע פילט מיט.
מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט קיין ברויט צו דער זאַט
אויך דאָרט אין דעם גאָלדענעם לאַנד ניט געהאַט.

— אוי מאַמע, מיין מאַמע, צי פאַלט עס דיר איין,
אַז ברויט ביי אונדז וואַרפט מען אין וואַסער אריין
דערפאַר, ווייל עס גיט אונדז אַזוי פיל די ערד,
אַז ס'הויבט אָן פאַרלירן דעם גאָלדענעם ווערט?

— איך ווייס ניט, מיין זון, נאָר עס ווייַנט מיר מיין האַרץ —
דיין פּנים זעט אויס ווי די נאַכט אַזוי שוואַרץ
און שלעפערדיק פאַלן די אויגן דיר צו,
אַזוי ווי ביי איינעם וואָס חלשט נאָך רו.

— אוי מאַמע, מיין מאַמע, דו האָסט דאָך געהערט
פון באַנען, וואָס יאָגן זיך אונטער דער ערד,
פאַרטאָג שלעפט די באַן פון געלעגער אַרויס
און שפּעט אויף דער נאַכט ברענגט זי ווידער אין הויז.

— איך ווייס ניט, מיין זון, אָבער טיף איז מיין וואונד.
איך האָב דיך אַוועקגעשיקט יונג און געזונט —
מיר דאַכט זיך, אַט נעכטן ערשט איז עס געווען.
און היינט מוז איך ווידער אַזוי־אָ דיך זען.

— וואָס צאַפּסטו מיר, מאַמע, פון הארצן דאָס בלוט?
צי פילסטו דען גאָרנישט ווי ווי דאָס מיר טוט?
וואָס וויינסטו, מיין מאַמע, צי זעסטו דען אויך,
ווי איך אַזאַ וואַנט אַזוי פינצטער און הויך?

— ווי זאָל איך ניט וויינען, מיין זון, איבער דיר?
פאַרגעסן אָן גאָט און פאַרגעסן אָן מיר.
איצט איז דיר דאָס אייגענע לעבן אַ וואַנט,
וואָס שטייט דיר אין וועג אין דעם גאָלדענעם לאַנד.

— געגרעכט ביסטו, מאַמע. מיר זיינען צעשיידט.
אַ גאָלדענע קייט... און אַן אייזערנע קייט..
אַ גאָלדענער שטול — אין הימל פאַר דיר,
אין גאָלדענעם לאַנד — אַ תליה פאַר מיר.

עס וועט זיין

מיט די הענט און מיט די אויגן,
פון דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט,
צום געניי אַראָפּגעבויגן.

ווייַן ניט, מיידל. היינט צי מאָרגן — — — —
עס וועט זיין. ווי מ׳איז פאַרסממטע
וועלן פּגרן די זאָרגן.

הוי, ווען יענער טאָג וועט קומען!
מענטשן, צווישן שטיין און אייזן,
וועלן ווי די בערן ברומען.

זקנים, ווייבער, וויגנקינדער
וועלן זיך דורך די גאַסן יאָגן:
רויבער האָרדעס! אונטערצינדער!

הוי, מיין מיידל, — סאַראַ פייער!
ווי אויף פליגל פון אַ פויגל
וועט דיך טראָגן דיין געטרייער.

דער גאַסנפּויקער

זינגט דער פויגל פריי און פריילעך,
ציטערט אויף זיין טראָן דער מלך,
ציטערן איז ניט כדאי,
זינג איך, ווי דער פויגל, פריי,
און געשווינד,
ווי דער ווינט,
טאַנץ איך הפקר, טאַנץ איך בלינד,
גאַס אַריין און גאַס אַרוים! —
בין איך קראַנק און אַלט און גראָ,
ווען אַרט עס — האַ־האַ־האַ!
פּאַר אַ קופּער־גראָשן בלויז
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום —
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

קומט אַ מיידל אַ מכשפה,
צינדט זיך אָן אין מיר אַ שרפה,
נעם איך זיך נאָך ווילדער דרייען,
און איך פּרעס צונויף די ציין,
און איך ברום:
— מיידל קום,
גיב די הענט, און נעם אַרום,
הייסער טאַנצט זיך עס צו צוויי.
ס'האָט אַזאַ ווי דו אַ שלאַנג,
מיך פאַרלאָזן ערשט ניט לאַנג.
קרענקט דאָס האַרץ און פּלאַצט פּאַר וויי —
פּויק איך אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַנצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום —
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

לאכן קינדער לוסטיק, מונטער,
פאַל איך ניט ביי זיך אַרונטער,
רירט זיך יונגען! פלינקער — האָפּ!
נאָכאַמאָל אַ זעץ אין קאָפּ.
נאָך אַ שפּיי!
סיי ווי סיי
מיטן שפּרונג גייט אַלץ פאַרביי.
צוגעוואוינט צו אַלדאָסבייז,
קנייפּ איך אַ שטיק ברויט פון טאַש.
און איך זשליאָקע פון דער פלאַש.
ברענט דאָס בלוט, און רינט דער שוויים —
פּויק איך אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינגדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד־אַרום,
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

אָט־אַזוי זיך דורכגעריסן,
דורכגעריסן, דורכגעביסן
מיטן קאָפּ ווי דורך אַ וואַנט,
איבער שטעג און וועג און לאַנד
מיט די ציין —
האַק דעם שטיין!
האַק דעם שטיין און בלייב אַליין!
הונט און שלעפּער, לומפּ און ווינט.
הפקר, הפקר דורך דער פרעמד!
האָב איך ניט קיין ראָק, קיין העמד,
האָב איך ניט קיין ווייב, קיין קינד.
פּויק איך אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינגדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד־אַרום —
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

פון מיינע זעאונגען

I

ברענט די היץ ווי פייער, קלעפּט צום לייב זיך צו.
זוכט מען ווינט אין גאָרטן — זוכט מען שאָטן, רו.
שטייט ביים צאָם אַ שטיין-באַנק מיט אַ ליידיק אָרט,
זעץ איך זיך אַנידער אָפּצורוען דאָרט.
זיצט מיט אויגן רויטע, ווי צום שטאַרבן קראַנק,
מיט איר קינד אַ שיקסל אויף דערזעלבער באַנק.
וויינט דאָס קינד און רייסט זיך פון דעם שיקסלס שויס
און צו מיר די הענטלעך שטרעקט עס ציטריק אויס.
ווענד איך אָפּ די אויגן און איך קוק אַרויף, —
עפנט זיך דער הימל ווי אַ פאָרהאַנג אויף.
זע איך דעם-וואָס-אייביק מיד, ווי זיך אַליין,
אויבן אויפן הימל זיצן אויף אַ שטיין.
און ווי לעבן מיר דאָ, לעבן אים דאָרט אויך,
מיט איר קינד אַ שיקסל אויבן אין דער הויך.
אָבער דער-וואָס-אייביק ווענדט ניט אָפּ זיין קאָפּ, —
מיט רחמנות קוקט ער צו דעם קינד אַראָפּ.
צו דעם קינד וואָס שטרעקט אים ביידע הענטלעך אויס
פון דעם קראַנקן שיקסלס איינגעדאַרטער שויס.

II

נעמט דאָס קינד ביים שיקסל דער־וואָס־אייביק־איז,
שטראַלט דאָס ווייסע לעמל אַרום זיינע פיס.
קומען אויך מלאכים, רינגלען אים אַרום,
בויגן זיך און פאַלן, זינגען לידער פרום.
וויקלט דער־וואָס־אייביק נאַקעט אָפּ דאָס קינד,
ווערט דאָס ווייסע לעמל ברוגז און פאַרשווינדט.
און אויך די מלאכים ברוגזן זיך אָן,
זעט שוין דער־וואָס־אייביק, וואָס ער האָט געטאָן.
ווייזט ער אָן דעם שיקסל אויפן קינד אין שוים
און אויף דר׳ערד אַרונטער שפּייט ער דריימאָל אויס.
זעט דאָס שיקסל שפּייען דעם־וואָס־אייביק־איז
הויבט זי אָן צו וויינען — פאַלט אים צו די פיס.
הייסט ער זי זאָל אויפשטיין, אויסלעשן די זון —
זאָל מען כאָטש ניט וויסן אין דער וועלט דערפון.
טוט זי ווי מען הייסט איר — לעשט דאָס זונליכט אויס,
ווערט דער טאָג אַנטרונען פון דער וועלט אַרויס.
רעווועט דער־וואָס־אייביק, ווי אַ לייב, און ברומט
וואַרטן ערד און הימל אויפן סוף וואָס קומט.
קלייבן זיך גלחים פון דער וועלט צונויף
און זיי שטעלן צלמים אין דער פינצטער אויף.
וואַקסט אַ צלמים־לייטער ביז די הימל־ווענט,
נעמען די גלחים שמאַטעס אין די הענט.
און מיט קלויסטער־לעמפּלעך קריכט מען און מען קלינגט,
און מיט קלויסטער־לעמפּלעך קריכט מען און מען זינגט.

אונדזער ערד

אונדזער ערד איז — פלאַסטער־שטיינער.
אונדזער לעבן?
זע די נאַכט דאָ — זע די גאַסן — — — —
ס'איז אַמאָל אַ ריז אַ ווילדער
פוסט און פּאַס אַרומגעגאַנגען דאָ ביים ים.
האָט זיך אים דאָס רוישן פונעם ים דערעסן,
האָט ער פון די פעלזנשטיינער ביי די ברעגן
אויסגעהאַקט אַ שטאָט מיט גאַסן און מיט הייזער.
נאָכדעם האָט ער אויסגעשטרעקט די לאַפּעס
ווייט דעם ים אַריבער —
אָפּגעריסן זיך פון טאַטעס,
און פון מאַמעס טעכטער אָפּגעריסן,
און אַזוי־אָ האָט ער מיליאָנען מענטשן
פון דער וועלט צונויפגעשלעפּט
און זיי אַריינגעשטופּט, ווי הערינג אין אַ פאַס,
אין אָט דער שטאָט אַריין.
און טאָג נאָך טאָג און טאָג נאָך טאָג
פרעסט ער זייער פלייש פון פרי ביז אָוונט,
און ביינאַכט צעוואַרפט ער זיי'רע ביינער
אין די הייזער פּאַרלעך־ווייז.
און מיט אַ בייטש, וואָס ער האָט זיך פון פייער אויסגעפלאָכטן,
צווינגט ער זיי (ווי רעדער אין אַ ריזיקער מאַשין,
וואָס דרייען זיך צום טאַקט פון דאַמף געטריבן,)
נייע שפּייז פאַר אים אויף מאָרגן אָנצוגרייטן.

און דו, — מיט ברילן אויף דער נאָז,
און מיט אַ שטערן פון אַ רעכנקינסטלער, —
שטיי אין מיטן נאַכט
ווי אַ געשעפטס-פירער אין אַ פאַבריק
מיט בליישטיפט און פאַפיר.
און ווי אַ בלינדער ציילט געבעטלט געלט, —
צייל איבער איינס נאָך איינס די קינדער וואָס מען מאַכט
אין אָט דער פעלזנשטאָט.
און היט אַז פון דער זרע זאָל
קיין טראָפן ניט אומזיסט פאַרלוירן גיין,
בעת עס שווינגט דער ריז זיין פייערדיקע בייטש
און צווינגט מיליאָנען מענטשן פון דער וועלט צונויפגעשלעפט
(ווי רעדער אין אַ ריזיקער מאַשין,
וואָס דרייען זיך צום טאַקט פון דאַמף געטריבן)
נייע שפייז פאַר אים אויף מאָרגן אָנצוגרייטן.

אַ תפילה פון אַ לומפּ

נעם מיין טאַלאַנט, און גיב אים אָפּ
אָן אַלטן הונט, צי אַ באַלעבאָס,
וואָס וויל אַביסל כבוד אויך,
די ליבע שכנים צום פאַרדראָס.
אָ, העלף מיר, העלף מיר, גאָט.

אָ, העלף מיר, גאָט,
אַז ווען אין מיטן העלן טאָג
פאַלט אָן אויף מיר אַ גראָבער יונג
זאָל אויף זיין מאָרדע גלייך מיין פויסט
אַ הילך טאָן ווי אַ גלאָקן־קלונג.
אָ, העלף מיר, העלף מיר, גאָט.

אָ, העלף מיר, גאָט,
עס זאָלן אויך די גוטע פריינד
זיך גריבלען, מיט פאַרקריצטע ציין,
פון וואָס און ווי אַזוי איך לעב
און איך זאָל דווקא ליידיק גיין.
אָ, העלף מיר, העלף מיר, גאָט.

אָ, העלף מיר, גאָט,
אַז ברענענדיק און האַרב אַזוי,
ווי ביי אַ שיסל פרישן כריין,
זאָל האַרב זיין דער פּרומאַק וואָס וועט
אין מיינע דלד אמות שטיין.
אָ, העלף מיר, העלף מיר, גאָט.

אָ, העלף מיר, גאָט,
אַז עקלען זאָל פון מיינע רייד,
ווי פון אַ טויטער קאַץ אין מיסט.
און וואו איך שטעל אַ פוס אַוועק
זאָל יענער אָרט פאַרבלייבן וויסט.
אָ, העלף מיר, העלף מיר, גאָט.

אָ, העלף מיר, גאָט,
אַז ווי אַ וויסטער הורן-טאַנץ,
זאָל אין די אויגן וואַרפן זיך
מיין חוצפּה אויך, און יעדער מאַן,
וואָס האָט אַ ווייב, זאָל שילטן מיך.
אָ, העלף מיר, העלף מיר, גאָט.

אָ, העלף מיר, גאָט,
אַז איך אַליין זאָל זיין די סערפּ —
און איך אַליין זאָל זיין דער שטיין.
און שפּייען זאָל איך אויף דער וועלט,
אויף דיר און אויך אויף זיך אַליין.
אָ, העלף מיר, העלף מיר, גאָט.

בלוט-בליצן

זיין בלוט איז ווילד געוועז און האָט נאָך איר באַגערט,
און זי האָט, שווייגנדיק, פון אים זיך אָפּגעקערט.
איז ער מיט פויסטן צוויי און צוגעפּרעסטע ציין
די טרעפּ אַראָפּ, אַרויס אין גאַס און מיט אַ שטיין
איז ער צוריק אַריין און נאָכאַמאָל אַרויס.
און דאָרטן איז ער צו מיט אויגן שאַרף און גרויס
צום פערד אין מיטן גאַס, אין מילך־וואָגן געשפּאַנט,
און מיט אַ שפּרונג האָט ער אַ הויב געטאָן אַ האַנט
און זי אַראָפּגעלאָזט מיט אַזאַ גיכן שוואונג
דעם פערד אין פּיסק אַריין — אַז ס'האָט געטאָן אַ קלונג,
אַ בליאַסק, ווי פון אַ שאָס דאָס פייער אין דער נאַכט.
דערנאָך האָט ער דאָס מויל משוגע אויפגעמאַכט
און ציטערדיק און שטום אַ שטרעק געטאָן דעם קאָפּ
אַהין, וואו ס'איז דאָס פערד אַנטרונען אין גאַלאָפּ.
דערנאָך געבויגן זיך, און ווי געשלעפּט מיט שטריק,
צום טויער פונעם הויז זיך צוגעשאַרט צוריק.
האָט זיך צוערשט אַ הונט מיט אָפּגעלאָזטן עק
אַ ציי געטאָן צו אים און אין דער נאַכט אַוועק,
איז נאָך דעם הונט אַ מענטש מיט שווערע טריט פאַרביי,
און אויך אַ גאַסנפרוי געשלעפּט פון זעלנער דריי,
וואָס האָבן שיכורע געזונגען און געלאַכט, —
האָט ער זיך הינטער זיי פאַרלוירן אין דער נאַכט.

גינגילי

אָ, גינגילי, מיין בלוטיק האַרץ,
ווער איז דער יונג וואָס טרוימט אין שניי
און שלעפט די פּיס ווי קלעצער צוויי
אינמיטן גאַס ביי נאַכט?

דאָס איז דער תּכשיט משה לייב,
וואָס וועט אַמאָל דערפרירן
בעת ער וועט פון פרילינג-צווייט
און בלומען פאַנטאַזירן;
און וועט ער ליגן שוין אין שניי
און זיך שוין מער ניט רירן, —
וועט ער אין טרוים נאָך דעמאָלט אויך
אין זאַנגען-פעלד שפּאַצירן.

טרוימט דער תּכשיט משה לייב,
זינגט דער וועכטער טרי-לי-לי,
ענטפערט דער באָסיאַק האַפּטשי,
מאַכט דאָס הינטל האַוו-האַוו-האַוו,
מאַכט דאָס קעצל מיאַו.

אָ, גינגילי, מיין בלוטיק האַרץ,
ווער קריכט אין שניי אַהער, אַהין,
און זעט זיך זיצן ביים קאַמין
אינמיטן גאַס ביי נאַכט?

דאָס איז דער תכשיט משה לייב
וואָס פוילט זיך צו פאַרטראַכטן;
ער פּרירט אין שניי און זעט פאַר זיך
אַ פּאַלאַץ אַ פאַרמאַכטן
און זיך אַליין דעם קעניג דאָרט
פון שומרים אַ באַוואַכטן
און אַלע זיינע יאָר פאַרגיין
ווי זונען אין פאַרנאַכטן.

בענקט דער תכשיט משה לייב,
זינגט דער וועכטער טרי־לי־לי,
ענטפערט דער באָסיאַק האַפּטשי,
מאַכט דאָס הינטל האַוו־האַוו־האַוו,
מאַכט דאָס קעצל מיאַו.

אָ, גינגילי, מיין בלוטיק האַרץ,
ווער קאָרטשעט זיך אין דרייען איין
און האָפּקעט ביים לאָמטערן־שיין
אינמיטן גאַס ביי נאַכט?

דאָס איז דער תכשיט משה לייב,
וואָס שטעלט אין שניי זיך טאַנצן,
כדי עס זאָלן אים די פיס
ניט איינפרירן אין גאַנצן;
דאַביי זעט ער דעם שניי אויף זיך
ווי צווייט אין זונשיין גלאַנצן
און מיידלעך מיט צעלאָזטע האָר
באַצירט מיט פייער־קראַנצן.

טאַנצט דער תכשיט משה לייב,
זינגט דער וועכטער טרי־לי־לי,
ענטפערט דער באָסיאַק האַפּטשי,
מאַכט דאָס הינטל האַוו־האַוו־האַוו,
מאַכט דאָס קעצל מיאַו.

אָ, גינגילי, מיין בלוטיק האַרץ,
צי איז דען דאָ אין שטאָט אַ האָן?
ווער האָט דאָס אַזאַ קריי געטאָן
אינמיטן גאַס ביי נאַכט?

דאָס איז דער תכשיט משה לייב,
וואָס האָט ניט וואָס צו זאָרגן,
און ווייל אים דאַכט זיך אַז דער טאָג
האָט ערגעץ זיך פאַרבאָרגן,
און ווייל אים דאַכט זיך אַז מען האָט
דעם לעצטן האָן דערוואָרגן,
צעקרייט ער זיך אַליין און זאָגט
צו זיך אַליין גוט-מאָרגן.

קרייט דער תכשיט משה לייב,
זינגט דער וועכטער טרי-לי-לי,
ענטפערט דער באָסיאַק האַפּטשי,
מאַכט דאָס הינטל האַוו-האַוו-האַוו,
מאַכט דאָס קעצל מיאַו.

דיין לעבן

גיי אַרום בייטאָג און חלום, אַז דו האָסט ביים ים אַ ווילע
און דיין פרוי קען פּיאַנאָ שפּילן און זי לייזט פון דיר אַ שטילע;
מאָל זיך אויס אַ קינד, דיין אייגנס, וואָס האָט הענטלעך קליינע, גלאַטע,
און עס גלעט דיין באָרד און פּנים און עס קאָן שוין זאָגן טאַטע,
גיי אין שענק אַריין און עס דאָרט פאָרשפּייז, זופּ און פלייש און צימעס,
הער אַ לויב אויף זיך און פריי זיך, כאָטש דו ביסט אַליין זיך נמאס.
גיי אַוועק צו טעניץ בורלעסקע, קוק אויף ליפּן רויט־פאַרשמירטע
און אויף הענגענדיקע בוזעמס טויזנט מאָל וואולגאַר באַרירטע.
טרינק זיך אָן אַז גאַס און לאָמפּן זאָלן אַרום דיר זיך הוידען,
ווינק צו זיך אַ גאַסנמיידל וועגן פּרייז זיך דורכצוסודען,
וויין אַרויף צו דער לבנה. לייען שילדן. קוק אויף הייזער.
און אַזוי־אָ דריי זיך נאַריש, ווי אַ זייגער אָן אַ ווייזער.
דריי זיך נאַריש, דריי זיך נוצלאָז ביז דו ביסט פון אַלץ אַ מידער.
נאָכדעם גיי אַהיים און וואַרף זיך ווידער אויף דיין בעט אַנידער
און, ווי נעכטן ליג און רויכער, ליג און טראַכט פון זיך און אַלע.
ביז עס ווערט דיר קלאָר אַז מייזלעך גריזשען אויך פאַרדאַרטע חלה,
ביז דו ווייסט אַז אַלצדינג טשאַדעט ווי צעגאָסן שמאַלץ אין פייער.
און דו אַליין ביסט אפשר בלויז אַ וואַך־הונט אַ געטרייער,
און דיין לעבן מוזטו היטן, אַז עס זאָל פאַרפלעקט נישט ווערן,
ווען עס וועט די קאַץ דעם טינטער אויפן טישטעך איבערקערן.
און אַז אויך קיין פליג חלילה זאָל צו אים קיין צוטריט האָבן,
ווען זי ברענגט מיט זיך פון דרויסן צוויי־דריי הונגריקע מיקראָבן.

PAN JABLOWSKI

I

אַ כלי פֿון בלעך שטייט ביים טיר פֿון קאַפֿעהויז,
עס שימערט קיין גאָלד און קיין זילבער אין איר.
די כלי איז אויך ניט קיין בלומען־וואַזאָנע
אַזאַ ווי מען זעט ביי אַ פּריצישער טיר.

אַ מיסט־כלי איז עס, און מיסט איז דאַרינען,
זי שטייט ביי דער טיר ביז מען ליידיקט זי אויס;
אַרויסגעשטעלט האָט זי אין דרויסן יאַבלאָווסקי —
ער שטעלט זי אַזוי אַלע אָוונט אַרויס.

נאָר שיין איז צו זינגען פֿון בלומען און מיידלעך, —
יאַבלאָווסקי דאָך איז ניט קיין מיידל, קיין בלום.
אַ גוי איז יאַבלאָווסקי, אַ גוי מיט אַ בעזעם,
וואָס גייט אין דער קיך פֿון קאַפֿעהויז אַרום.

זיין אויסזען פֿאַרשעמט דיך. עס צווינגט דיך צו גלויבן,
אַז גאָט האָט דעם מענטשן פֿון בלאָטע געמאַכט.
עס צווינגט דיך צו גלויבן, אַז גאָט האָט די בלאָטע
פֿאַרקנאָטן מיט סאַזשע אין מיטן דער נאַכט.

אַמאָל האָט יאַבלאָווסקי זיך טעגלעך געבאָדן.
געווען איז זיין באָד־שטוב פון מאַרמאָר און גאָלד.
געבראַכט האָבן דינסטן פון באַרג־קוואַל דאָס וואַסער
און וואַרעם געמאַכט, ווי דער פּאַן האָט געוואָלט.

געלויכטן האָט דעמאָלט זיין הויט־פאַרב ווי זון־שיין,
און זאַנגען־בלאָנד זיינען געווען זיינע האָר.
און צווישן די האָר ניט קיין סימן פון קליינוואַרג —
אַ פּאַן איז ער דעמאָלט געווען, דאָס איז וואָר.

אַ פּוילישן טראַכט האָט ער דעמאָלט געטראָגן,
אַ מיץ מיט אַ פּעדער אַ לאַנגן ביים זייט.
ווי בינען אַ בינשטאָק אַרום — זענען דעמאָלט
געווען אַרום אים די באַדינענדע לייט.

היינט איז ער אַליין שוין אַ בין צווישן בינען.
זיין בינשטאָק איז דאָ אין קאַפּע־הויז די קיך.
נאָר אָנשטאָט מיט האָניק מוז נעבעך יאַבלאָווסקי
מיט עפּעס וואָס אַנדערש באַשעפטיקן זיך.

געשיר מוז ער וואַשן און שיילן קאַרטאָפליעס.
זיין ראָק איז ניט ניי, און נישט גאַנץ איז זיין העמד.
זיין עסן איז דאָס, וואָס די געסט לאָזן איבער. —
דריי יאָר שוין אַזוי דאָ אין לאַנד, אין דער פרעמד.

פאַריאָגט פון זיין היים האָט יאַבלאָווסקין די רוזשאַ,
דאָס ווייב פון זיין חבר, וואָס ער האָט געליבט.
געטריי צו איר מאַן איז געווען יענע רוזשאַ,
און דאָס האָט יאַבלאָווסקין גאָר ביטער באַטריבט.

ער האָט איר געגעבן זיין גאָלד און זיין ליבע,
און זי האָט גענומען מיט ליבע זיין גאָלד.
אַזוי ווי אַ שוואַרץ־קינסטלער פלעגט זי דאָס שלינגען —
נאָר אים האָט זי קיינמאָל ניט ליבן געוואָלט.

אַזוי — ביז זי האָט צום באַנקראָט אים געטריבן,
דאַן איז ער, אַזוי ווי אַן אמתער העלד,
אַנטלאָפן כמעט אין אַ סטאַן אין אַ בלויזן —
אַן אַנדערן וואָלט עס פּאַריאַגט פון דער וועלט —

אים האָט עס פּאַריאַגט מיט דער באַן ביז קיין האַמבורג,
און דאָרט האָט ער איבערגענעכטיקט אַ נאַכט.
דאַן האָט ער באַצאָלט פאַר אַ צווישן-דעק-בעטל,
און האָט זיך אַהערצו אַריבערגעבראַכט.

דריי יאָר איז ער דאָ אין דעם לאַנד אין דעם פרעמדן.
זיין העמד איז ניט גאַנץ און נישט גאַנץ זיינע שיך,
און צוגעוואוינט איז ער נאָך אויך ניט אין גאַנצן
צום רויש פון געקעכץ און צום דופט פון דער קיך.

II

פאַרטרייבט מען אַ מענטש אין די יאָרן פון היימלאַנד,
ווערט איבערגעריסן זיין לעבן אויף צוויי.
איין העלפט גייט אַרום אין דער פרעמד, און די צווייטע
בענקט שטענדיק אַהיים. און גאָר טיף איז איר וויי.

אין צייט, ווען אַ האַלבער יאַבלאָנסקי גייט שלעפּריק
אַרום אין דער קיך מיטן בעזעם אין האַנט,
פאַרבענקט זיך קיין פּוילן דער אַנדערער האַלבער —
פאַרלאָזט ער די ערד פון דעם גאָלדענעם לאַנד.

ער טוט אויף זיך אָן אַ פּאָר ריזיקע פליגל
און אויך אַ פּאָר שטיוול, די לענג זיבן מייל.
ער לויפט און ער פליט איבער ימים און לענדער
אַזוי ווי עס פליט פונעם בויגן אַ פייל.

ער לויפט און ער פליט איבער ימים און לענדער
ביז וואַנען ער קומט צו זיין אייגענער ערד.
דאָרט נעמט ער צונויף זיין פאַרשפּילטן מאַיאָנטעק,
די הינט און די דינער, דאָס ווייב מיט די פערד,

די רינדער פון שטאַל, און דעם וואַלד מיט די פעלדער,
די פּרוכט פונעם סאַד, און פון גאָרטן די בלום,
און אַלעם דאָס ברענגט ער אַהער צו דעם האַלבן,
וואָס גייט דאָ אין קיך מיטן בעזעם אַרום...

דאָס ברענגט יענער האַלבער פון דאָרט דאָ אַהערצו, —
פון דאָרט, פון זיין היימאַטלעך פּוילישן טאָל.
דאַן קלעפּט ער זיך צו צו דעם האַלבן פון דאַנען, —
ווערט ווידער אַ גאַנצער אַזוי ווי אַמאָל.

אַ פּאַן ווערט ער ווידער, אַ גאַנצער, אַ גרויסער.
ער זעט זיך אַליין אַזוי שיין, אַזוי רייך,
אַזוי ווי אַ נאַכט-הימל זעט זיינע שטערן,
וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין אַ לויטערן טייך.

ביים טיש זיצט ער ווידער מיט ווייב און מיט קינדער —
דער וואודקי איז גוט און געשמאַק איז דאָס ברויט.
עס רוישט דורכן אָפענעם פענצטער די ווייסל
און וואונדערלעך שמעקט אים דאָס חזיר מיט קרויט.

און שיין איז אויך דאָס וואָס זיין סטודענט דערציילט אים
פון יענער גראַפינע, די שענסטע פון לאַנד,
וואָס האָט באַנאָפּאַרטן זיך איבערגעגעבן
אַבי צו „ראַטויען" דאָס פּוילישע לאַנד.

דאָס פּוילישע לאַנד און די שענסטע גראַפינע ! —
יאַבלאָווסקי פאַרקלערט זיך, אים טוט אַזוי באַנג.
ער קלערט און עס מאַלט זיך אים אויס פאַר די אויגן
אַ מאָדנער פאַנטאַסטישער שיינער געדאַנק :

אָט איז ער אַליין באָנאַפּאַרטע דער קייסער,
עס קניט די גראַפינע פאַר אים אויף דער ערד.
און ער, באָנאַפּאַרטע, שטייט שטאָלץ, ווי פון אייזן,
געשטיצט זיינע הענט אויפן בלאַנקענדן שווערד.

זי וויינט און אומאַרעמט זיין פוס פול מיט ליבע
און ער קוקט ווי אייזן אַרונטער צו איר.
זיין קני ווערט פאַרברענט פון איר וואַרעמען בוזעם
און ער שטייט ווי אייזן — קיין וואָרט און קיין ריר.

צו טרוימען איז שיין. אָבער ווייַ איז דעם טרוימער.
אָט כאַפּט ער זיך אויף און ער איז שוין ניט ער.
ער זעט, אַז די שווערד, וואָס די הענט זיינע האַלטן,
איז איינפאַך אַ בעזעם און קיין זאַך ניט מער...

ער זעט, אַז די שיינע גראַפינע איז אויך נאָר
אַ קאָטער, וואָס גלעט זיך די פעל ביי זיין פוס.
ער זעט אַז ר'איז ווידער אַ דינער אַ פּראָסטער.
און גרוים איז זיין ווייטיק און טיף זיין פאַרדרוס.

און קוקט ער זיך אָן, און באַטראַכט ער זיין הולך,
און זעט ער ווי קויטיק ער איז און ווי שוואַרץ,
דאָן פילט ער אַליין אויך אַז ס'איז ניט קיין וואונדער
פאַרוואָס עס פאַרבענקט זיך נאָך וואודקי זיין האַרץ.

דאָס האַרץ ביי יאַבלאָנסקין פאַרבענקט זיך נאָך וואודקי.
די וועלט האָט קיין נייעס ניט. אַלעס איז אַלט.
דער זינג-פויגל זינגט אויף זיין אוראַלטן אופן
אין שטייגל, אַזוי ווי אין אייגענעם וואַלד.

III

און לאַנגזאַם פאַרשליסט זיינע אויגן יאַבלאָנסקי —
דאַן נעמט ער זיך וואודקי אַריין אין געדאַנק,
כאָטש דאָס וואָס זיין האַנט שלעפּט אַרויס פונעם בוזעם,
איז שוואַכער, פאַרוואַסערטער היגער געטראַנק.

יאָ, כאָטש דאָס איז מער ניט ווי פּשוטער וויסקי —
שלעפּט לאַנגזאַם יאַבלאָנסקי דעם שטאָפּיק אַרויס,
און זיפצנדיק טראָגט ער דאָס פלעשל צום מויל צו,
און גאָרגלענדיק טרינקט ער אַ העלפט דערפון אויס.

דאַן שלעפּט ער זיך צו צו דעם שעפּל מיט כלים,
און, רייבנדיק לאַנגזאַם אַ בלעכענע פאַן,
צעשפּילט זיך אויפסניי אין זיין האַרץ זיין מאַיאָנטעק,
און אַלץ וואָס אים ווילט זיך איז ווידער פאַראַן...

די קיך גאָר באַלד אין אַ שלאָף־שטוב פאַרוואַנדלט.
פון וואַש־טיש ווערט לאַנגזאַם אַ שמעקענדיק בעט.
די פלעקן אין קיך אויף די ווענט ווערן בילדער, —
דער גרעסטער פון זיי איז זיין פאָטערס פּאָרטרעט...

דער רויש פון זיך־פּרעגלענדע אייער ווערט לאַנגזאַם
אַ וויסל־גערויש — און עס קלינגט אַזוי טריב.
אים דאַכט זיך, די וויסל זי וויינט און זי טרייסט אים.
„זיי רואיק, יאַבלאָנסקי, איך האָב דיך נאָך ליב...״

„זיי רואיק, יאַבלאָנסקי״ — דאָס זאָגט אים די וויסל.
און נאָכאַמאָל נעמט ער דאָס פלעשל אין האַנט, —
דאַן זינגט אים די וויסל דאָס ליד, דאָס געבענטשטע:
„נאָך איז נישט פאַרלוירן דאָס פּוילישע לאַנד״...

„עס איז נאָך דאָס פּוילישע לאַנד נישט פאַרלוירן״ —
אים דאַכט זיך, דאָס קינד אין דעם וויגעלע זינגט
און שלאָפנדיק זינגט עס זיין וױיב, דאָס געליבטע, —
עס רוישט אין זיין אייגענעם בלוט און עס קלינגט;

ביים פֿאַטער אין גאָלד־ראַם פֿאַררוקט זיך די שאַפּקע,
און וואַקלענדיק גייט ער אַראָפּ פֿון דער וואַנט,
און טאַנצנדיק זינגט ער מיט אַלע אינאיינעם:
„נאָך איז ניט פֿאַרלוירן דאָס פּוילישע לאַנד"...

און וואויל איז יאַבלאָווסקין, ער וואַקסט ווי אויף הייוון,
און שטאָלץ איז ער ווידער. ער איז דאָך אַ פּאַן!
און פֿריילעכער כאַפּט ער דעם שטרויענעם וויכעטש
און רירעוודיק רייבט ער די בלעכענע פּאַן.

ער רייבט מיט אַן אימפּעט, און טרוימט פֿון די שטונדן,
די שטונדן די ערשטע, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט
מיט איר, זיין רוטענישער סלוגאַ מאַריאַנקאַ —
„פּשאַקרעוו!" — איז דאָס דעמאָלט געוועזן אַ נאַכט!

אַט זעט ער זיין ווייב און זיין קינד, ווי זיי שלאָפֿן,
און ער, אויף שפּיץ־פֿינגער, אַרוים אויפֿן הויף,
פֿאַרביי פֿאַר דער שטאַל, וואו עס כראַפּעט דער פֿאַרבאָק,
און איבער דער לייטער צום בוידעם אַרויף.

זי שלאָפֿט. און ער וועקט זי און גיט איר אַ גולדן,
ער גיט איר אַ גלעט און אַ קוש. און זי נעמט.
און ער נעמט אַראָפּ פֿון איר לייב די וואַרעמע —
עס וואַרעמט איר לייב זיינע הענט דורכן העמד.

וואָס אַרט אים די גרויסע לבנה, די שיינע,
וואָס קוקט דורך דער טיר פֿונעם בוידעם אַריין?
ער זעט נאָר דאָס לייב פֿון דער שיינער מאַריאַנקאַ —
איר לייב שמעקט מיט קאָרן, מיט בלומען און ווייץ.

ער גלעט זי און רופֿט זי: „מאַריאַנקאַ, מאַי אַניאָל!"
ער הייסט, און זי פֿאָלגט אים און קושט אים די האַנט.
נו, דאַנקט ער דעם „פּאַן בוג", וואָס ער איז געבוירן
אַ פּוילישער פּאַן אין דעם פּוילישן לאַנד.

ער גלעט זי און רופט זי: „מאַריאַנקאַ, מאָי אַניאָל!"
און לייגט זיך צו איר אויפן טרוקענעם שטרוי.
און שיין איז צו זען ווי זי שרעקט זיך... און גוט איז
צו פילן איר לייב — ווי סע ציטערט אַזוי...

צו טרוימען איז שיין, אָבער ווייַ איז דעם טרוימער, —
אין טרוים לעבט ער איבער פאַרגאַנגענעם גליק.
אַמאָל אָבער קומט מיט דעם גליק מיט דעם טויטן
אַ טויטער פאַרגאַנגענער אומגליק צוריק.

יאַבלאָווסקי בלייבט שטיין ביי דעם שיין פון דער גאַז־פלאַם.
נאָך היינט איז אים אומקלאָר וואָס דאַן איז געשען.
ביינאַכט, ווען ר'איז איינמאָל אַרויף אויפן בוידעם,
האָט ער די מאַריאַנקאַ דאָרט הענגען דערזען...

דערמאָנט זיך יאַבלאָווסקי אין טויט פון זיין סלוגאַ,
ווערט בלאַס זיין געזיכט און עס נויגט זיך זיין קאָפּ.
אַפילו דאָס פינטל אין פנים געדענקט ער,
אַפילו דאָס בענדל דאָס רויטע אין צאָפּ...

וואָס זאָרגסטו יאַבלאָווסקי? דאָס איז דאָך דאָס לעבן.
דער לייב פאַנגט אַן אינד און דער אָדלער אַ טויב.
דער אָדלער איז ווילד, און דער לייב איז אַ ווילדער, —
אַ פּאַן איז ניט ווילד און ער גייט ניט אויף רויב.

אַ פּאַן האָט אַ הויז, און דאָס הויז האָט אַ בוידעם,
דער בוידעם — אַ לייטער, וואָס פירט ביז דער טיר.
פאָראויס גייט דער פּאַן, הינטער אים גייט די ליבע,
זי גייט, און דער טויט גייט פון הינטן נאָך איר...

IV

די צייט גייט איר וועג. און דער אייביקער האַמלעט
פרעגט אייביק די שאלה: „צי זיין, צי ניט זיין?"
אים ענטפערט יאַבלאָווסקי: טו, מענטש, ווי מע הייסט דיך,
טו ווידער אַ האַנט אין דיין בוזעם אַריין.

דאָס האַרץ דיינס, אַ מענטש, קאָן ניט זיין קיין נר־תמיד.
גים אונטער ווי לאַנג עס איז ברענשטאָף נאָך דאָ.
יאַבלאָווסקי טראָגט צו צו די וואָנסן דאָס פלעשל
און האַלט עס צום באַלקן אַרויף מיטן דנאָ.

דערנאָך בלייבט ער שטיין ביי דער גאַז־פלאַם פאַרטרויערט,
און שווער איז דער זיפץ, וועלכער קומט פון זיין ברוסט.
געווען אַזאַ צייט... אַזאַ גאָלדענעם לעבן..
און היינט אַזוי ליידיק איז אַלץ, אַזוי פוסט...

אַמאָל אַז עס האָט אים געפאַנגען דער אומעט,
האָט ער אים דערטרונקען אין וואָודקי און ווייַן,
און היינט שטייט ער דאָ אין אַ קיך ביי דער גאַז־פלאַם
און קוקט אין אַ ליידיקן פלעשל אַריין...

אַמאָל האָבן דינער זיין פערד אים געזאָטלט —
פלעגט קומען אַ זשידעק אים מאָנען אַ חוב,
אים האָט ער גאָר פראָסט מיט דער רייט־בייטש פאַרטריבן,
פאַרטריבן אַזוי ווי אַ הונט פונעם הויף.

היינט ווערט ער אַליין ווי אַ הונט שיר באַהאַנדלט, —
עס וואָלט זיך זיין סטודענט דערשאָסן פון שאַנד,
ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז אַ קנעכט איז זיין פאָטער
ביי איינעם אַ זשיד דאָ אין גאָלדענעם לאַנד.

דער זשיד איז אַ גוטער. דעם קעלנער נאָר האַסט ער,
אַזוי ווי אַ דזשאַבלע איז יענער פאַרשייט;
ער רופט אים דאָך תמיד: „וויעלמאָזשנע פאַטאַצקי"
און שפייט אים אין פנים און האַקט אים אין זייט.

— אַ באַזשע! — קוקט ווילד אויפן בעזעם יאַבלאָווסקי —
פאַרוואָס איז קיין ביקס ניט אַט דאָס, וואָס ער האַלט?
נאָר וואָס טויג די ביקס אַז קיין הינט האָט ער מער ניט,
און גיין קען ער מער ניט אויף יאַגד דורכן וואַלד?...

און ווער וואָלט אים איצטער דערקענט אין זיין היימאַט —
אַ בעטלער איז ער, וואָלטן אַלע געמיינט.
און רוזשאַ זיין ליבסטע? — ביים קלאַנג פון דעם נאָמען
גייט איבער דאָס האַרץ ביי יאַבלאָווסקין — ער וויינט...

ער וויינט און עס בעט זיך זיין בליק ביי דער קעכין:
„שענק דו כאָטש אַ טרייסט-וואָרט, אַן איינציקן נאָר.”
די קעכין זי זעט דאָס און שטייט ווי אַ פרעמדע,
און מישט דאָס געקעכץ און פאַרריכט זיך די האָר.

די קעכין — אַ קינד פון אַ אידישער מאַמען,
זי האָט אויך אַ האַרץ אין איר לייב, ניט קיין שטיין;
עס קרענקט זי נאָר ביטער, פאַרוואָס איז דער ערל
אַזאַ, וועלכער קאָן זיך אַן שנאַפּס ניט באַגיין.

זי בעט אים: „יאַבלאָווסקי, הער אויף שוין צו וויינען”.
זי בעט אים: „יאַבלאָווסקי, אַ ים האָט אַ ברעג”...
דאַן טראָגט זי אַליין אויך דאָס פאַרטעך צו ד'אויגן
און וויינענדיק שיקט זי אים שלאָפן אַוועק.

אין קיך איז נישטאָ ניט קיין בעט, ניט קיין קישנס,
קיין סאָפע איז אויך אין דער קיך ניט פאַראַן.
עס שלאָפט אויף אַ מיסט-באַרג אין ווינקל ביים קיך-טיר
יאַבלאָווסקי דער דינער, יאַבלאָווסקי דער פאַן.

און זעלטן נאָך קומט אים אַ מלאך צו חלום,
דער טייוול דאָך קומט צו אים אַלע ביינאַכט.
ער קנייפּט פון אים שטיקער און מאַכט דערפון רענדלעך
און שלינגט זיי אַזוי ווי זיין רוזשאַ און לאַכט.

אַמאָל זעט ער אוים, ווי די סלוגאַ מאַריאַנקאַ,
ער הענגט אויפן בוידעם און ווינקט צו אים: „קום!"
און ס׳הענגען פון אים זיינע גלידער אַרונטער,
ווי דעמאָלט פון איר, אַזוי קאַלט, אַזוי שטום.

די נאַכט גייט אַוועק, און דער מאָרגן קומט ווידער.
און ווידער אין קיך, פון דער גאַז־פלאַם באַשיינט,
גייט אום מיטן בעזעם פאַרשלאָפן יאַבלאָווסקי
און טרינקט ווידער וויסקי ווי נעכטן און היינט.

אין אָוונט פאַרפולט ער די מיסט־כלי ווידער
און שטעלט זי ווי נעכטן אין דרויסן אַרוים.
דאָרט שטייט זי באַשיינט פון עלעקטרישן זון־ליכט
ביז וואַנען דער מיסט־זאַמלער ליידיקט זי אוים.

II

אין דער פרעמד

אין דער פרעמד

I

קום, קום געזעגן זיך, ס'איז העכסטע צייט —
שוין שטייט די שיף ביים ברעג.
אדיע, מיין קינד. ווי שווער עס זאָל ניט זיין —
איך מוז, איך מוז אוועק.

דריי טעג האָב איך געהאָפט צו זיין מיט דיר
אליין, איין אויגנבליק.
נו, האָבן דיינע חברטעס גערויבט
ביי מיר דאָס גאַנצע גליק.

ביים באָדן־זיך, ביים שפּילן באַל, ביים טאַנץ,
אין אָוונט ביים שפּאַציר,
ביז אין דער נאַכט אריין — מען טוט זיך ניט
אַ ריר אָן מיר און דיר.

ווי לאָזט מען דאָס אַ ליבעס־פּאָר נישט אָפּ
אַן אויגנבליק צומאָל?
עס פּלאַצט דאָך ביי אַ מענטשן שיר דאָס הארץ —
אַ הארץ איז ניט פון שטאָל!

דו לאַכסט? נו יאָ, איך ווייס עס דאָך שוין לאַנג,
אַז דו ביסט פאַלש צו מיר.
דו בייזע, דו, אוועק, איך האָב דיך פיינט.
איך רעד ניט מער צו דיר!...

II

נו ביסטו ברוגז גאָר, דו נאַרעלע.
קום, קום. איך האָב דיך ליב.
צי קאָן איך אַנדערש דען, מיין אומגליק דו —
פאַרגיב מיר איצט פאַרגיב.

שפּאַר אָן דיין קעפּל אויף מיין האַרץ, אַזוי...
די אויגעלעך מאַך־צו,
און זיי מיר איצט אַ קינד... איך וויג דיך איין...
איך זינג דיר איי־ליו־ליו...

יאָ, איי־ליו־ליו, מיין קינד. דער טאַטע איז
אַוועקגעפאָרן ווייט.
וועט ברענגען דיר אַ גאָלדן ציגעלע,
אַ מענטעלע פון זייד — — — —

נו, שלאָגסטו מיך — און פילסט עס ניט, ווי טיף
עס איז אַצינד מיין פיין...
איך זינג און טראַכט: אַט באַלד, און דו קומסט אויך
צוריק אין שטאָט אַריין.

און ווידער וואוינסטו דאָרט דאָס גאַנצע יאָר
און שווייגסט און קלאָגסט זיך ניט.
כאָטש דאָרטן זינגט מען דיר אַן אַנדער ליד,
יאָ, גאָר אַן אַנדער ליד...

III

דאָס טרייב־ראָד אין די וואַלן רוישן. די שיף גייט אָפּ.
איך קוק די מענטשן אָן וואָס שטייען נאָנט ביים ברעג
און פרעמד נעמט אויף מיין האַרץ דעם לעצטן גרוס פון זיי.
און רגע־ווייז פירט ווייטער אונדז די שיף אַוועק,

און קלענער ווערט דער ברעג און גרויער מער און מער,
און רוישיק ציט זיך נאָך דער שיף אַ ווייסער שוים.
ווי שוים צעפליסט אין מיר דאָס גליק פון ליבע איצט,
ווי שוים צעפליסט אין מיר מיין האַרצנס שענסטער טרוים.

איך קוק די געגענט אָן וואָס רינגלט מיך אַרום —
עס שפּרייט זיך אויס פאַר מיר אַ ווייטע פרייע וועלט —
אין מערב־זייט די זון, אין מזרח־זייט אַ ברעג.
אַ מייל־לאַנגער ברעג מיט באַרג און וואַלד און פעלד.

און אָפּגעזונדערט שטייט אַ ווילאַ דאָ און דאָרט
און אַלע פענצטער קוקן פריי צום ים אַרוים.
און דאָ אין מיטן ים באַוועגט זיך אונדזער שיף
און איבער אַלץ שפּרייט פרידלעך זיך דער אָוונט אויס,

און אַלץ איז איינגעהילט אין טרוימערישער רו.
די רו וועקט אויף אין מיר אַ טיף־פאַרוויטיקט ליד —
מיין לעבנס יוגנט־צייט... איך זע אַ גאַס אַצינד.
דאָס לעבן דאָרט איז גרוי — איז וואָלקן־גרוי און מיד.

אויף שטויביק אַלטוואַרג שיינט אַריין די זון אין שטוב.
צום פענצטער קוקט אַריין אַ דאַרער קאַרשן־בוים.

מיין פאָטער גייט אַרום אַ שווייגענדער אין שטוב,
מיין מוטער און מיין שוועסטערל געדענק איך קוים.

און יונגערהייט האָב איך פאַרלאָזט מיין פאָטערס הויז.
אַליין אין פרעמדער וועלט אַרויסגעגאַנגען ווייט.
און אויף מיין וועג פאַרלאָרן האָב איך פיל, זייער פיל — — — —
און ווען איך האָב דערגרייכט דער יוגנטס שענסטע צייט

האָט מיך אַ שיף געבראַכט אין לאַנד אַריין, אַהער.
און פיל איך ראַנגל זיך פאַראייגזאַמט מוז איך זיין.
מיין קאָפּ ווערט לאַנגזאַם גרוי און עלטער ווערט מיין האַרץ.
די שטאָט שלינגט ברעקלעכווייז מיין יונגעם לעבן איין.

אין שענקלעך אָרעמע פאַרלעב איך מיינע נעכט.
אַ שווערע גרויקייט גייט דורך אַלע מיינע טעג.
און פרעמד איז מיר די שטאָט, ווי דאָ די געגנט איצט,
און פרעמד, ווי אַלע דאָ, וואָס זיצן אויפן דעק.

אַ לוסטיק-יונגע מענטשן-וועלט אין מיטן ים —
און ווייט אַרום אַ געגנט פריי, און שיין, און רייך —
און גאָר-נישט רעדט צו מיר... מיין לעבנסגאַנג
איז צו אַן אָרמען וואָגלענדען ציגיינער גלייך...

עס וואָגלט אַ ציגיינער אין דער וועלט אַרום.
קיין רו געפינט ער ניט. און יאָר נאָך יאָר פאַרשווינדט.
און קיינמאָל איז ניט גאַנץ די טראָנטע אויף זיין לייב
און תמיד קלינגט זיין ליד אַרוים אין נאַכט און ווינט — — — —

IV

איך זיץ, דעם קאָפּ אויףביידע הענט, ביים שיף-פאַרענטש אַליין.
איך זע דעם ים. איך זע די זון וואָס הויבט שוין אָן פאַרגיין.
די וואָלן פינקלען רויט און איבער זיי אין מערב-זוים
די וואָלקן דאָרט — אַ שיין פון בלענדעניש, אַ שיינער טרוים,

אַ שפּיל איז אַלץ, אַ צויבער־שפּיל פון פאַרבן אַלערליי.
אַ בענקשאַפט בלינד — אַ שטומער האַרץ־געזאַנג פון וועלט און וויי.
איך קער זיך אום צום דעק און אַנדערש זעט די וועלט מיר אויס:
עס זיצן מענטשן דאָ, ווי קינדער אויף אַ מוטערס שויס,
אויף לייוונט־בענקלעך האָט מען דאָ און דאָרט צו טיש געגרייט,
און רונד־אַרום זיצט מאַן און ווייב און קינד מיט שטילער פרייד.
אַ קעלנער טראָגט אַרום אַ טאַץ מיט פלאַשן וויין און ביר
פון אָרט צו אָרט. און דאָ אין מיטן דעק אַנטקעגן מיר
זיצט יונגוואַרג אין אַ ראָד. דאָס לעבן בליט און גליט
אויף זיי'רע פּנימער. און אַלע זינגען זיי אַ ליד,
באַגלייט זיי איינער אויף אַ קלינגענדיקן אינסטרומענט.
זיצט רואיק לעבן זיי אַן אַלטיטשקער פאַרלייגט די הענט.
ער הערט זיך איין, באַלעבט עס אים און יונגער זעט ער אויס.
און פון זיין ליולקע שלענגלט זיך אַ גרויער רויך אַרויס
און מישט זיך מיט דער רויטקייט אויס פון לעצטן אָוונט־שיין.
דער אַלטער הויבט די אויגן אויף און קוקט אין הימל אַריין.
ער פרייט זיך שטילערהייט. אַצינד, אין לעבנס לעצטן וועג,
לעבט ער נאָך איינמאָל דורך דאָס גליק פון זיינע יוגנט־טעג.
איך קוק דעם אַלטן אָן. איך הויב, ווי ער, די אויגן אויף.
איך זע דעם רויך וואָס שפּאַרט זיך פון דער שיף־מאַשין אַרויף.
איך הער דעם טרייב־ראָדס שווערן שטענדיק־גלייכן גאַנג,
און דורך מיין האַרצן גייט אַ שווער־פאַרנעפּלטער געדאַנק:
אַ שפּיל פון טרוים און ווינט איז איצט מיין אייגן לעבן מיר,
אַ שפּיל, אַ שיין פון בלענדעניש... און טראַכט איך איצט פון דיר —
אוי, גאָט, מיין גאָט — אָט ערשט האָב איך דיין בלאָנדן קאָפּ באַקראַנצט
מיט בלומען ווייס און רויט, און דו — געשטיפט, געלאַכט, געטאַנצט,
און איך האָב זיך געפרייט. איצט וויינט אין מיר פאַרגאַנגען גליק.
פאַרגאַנגען גליק פון ליבע וויינט און בענקט צום טרוים צוריק.
און ווידער גייט אַ טאָג אַוועק. וואוהין? די וועלט איז שטום
און ס'גייט דער מענטש מיט אויגן אָפענע אַ בלינדער אום
אין אָט דער וועלט. און בענקט, און זוכט, און פרעגט, און בלייבט אַליין,
ווי ס'קינד אין וויג און ווי אין קברים־פעלד דער גרויער שטיין — — —

V

די ליבע זינגט איר לעבנס-ליד אויף אונדזער שיף אַצינדער,
און אויגן לייכטן אויף מיט טיפער לעבנס-פרייד.
די ליבע זינגט, און אירלאַנדס יונגע זין און טעכטער טאַנצן
און טיפער רעדט צו מיר אַצינד מיין איינזאַמקייט.

צי דען געפעלט מיר ניט דאָס טאַנצן אונטער פרייען הימל,
אין מיטן אויף אַ ים אין ליכט פון אָוונט-שיין?
אין מיטן אויף אַ ים ביי פידל־שפיל און צימבל-קלאַנגען —
וואו קאָן דאָס קליינע מענטשן-האַרץ נאָך פרייער זיין?

און הער איך רוישן ניט אַצינד דאָס בלוט אין מיינע אָדערן?
און רוישט דאָס לעבן ניט אין זייער טאַנץ-געשריי?
פאַרוואָס-זשע זיץ איך איינזאַם דאָ, ווי גלייך אַ תהום אַ טיפער
וואָלט אויף דערזעלבער שיף מיך אָפּגעשיידט פון זיי?

פאַרבראַכט האָב איך אַזוי אַליין די גאַנצע יוגנט מיינע.
פון תמיד אָן אַליין געשלעפּט זיך דורך דער וועלט,
געשלעפּט זיך ווי אַ בעטלער, וואָס וואָגלט מיד און איינזאַם
פאַרביי אַ וויטן ברייטן בליענדיקן פעלד...

אַלס קינד בין איך פאַראיינזאַמט שוין אין שטוב אַרומגעגאַנגען,
די שטוב ביי אונדז איז אויך אַ שפּייז-געוועלב געווען.
באַטראַכט האָב איך — ווי דאָ די טענצער איצט — די קונים, דאָרטן.
איך האָב זיי אָבער אויך נישט ליב געהאַט צו זען.

אַ פרעמדקייט האָט אַרויסגערעדט צו מיר פון זיי׳רע אויגן
און הענט געהאַט האָט יעדער, שוואַרצע ווי די ערד.
כ׳האָב אויך ניט ליב געהאַט צו זען ווי זיי׳רע טויטע פירט מען
צום צווינטער, מיט געזאַנג, אויף וועגענער און פערד...

אין „שקאַלע” פלעג איך שטענדיק זען דעם לערערס בייזע אויגן
די קינדער אין די ערשטע בענק האָט ער געגלעט.
געשאָנקען האָב איך זיי מיין שפּיל-געצייג דאָס שענסטע,
און זיי — זיי האָבן שטענדיק בייז צו מיר גערעדט.

דערלאַנגט האָט איינער מיר זיין גאָלדן צלמל צו קושן,
דער צווייטער האָט אַ צלם אויסגעמאָלט אויף מיר;
און האָט מיין יונגעס הארץ דאָס ניט געוואָלט פאַרטראָגן —
האָט מיך אַוועקגעשטעלט דער לערער צו דער טיר.

און אַלע אָוונט, ווען די קלויסטער-גלאָקן פלעגן קלינגען,
געציטערט האָב איך דאַן אַליין אין שטוב צו זיין.
אַ יויזל האָב איך דאַן געזען וואָס קלאַפּט מיט שוואַרצע פליגל
און פאַנגט די קינדער אַלע אין אַ זאַק אַריין.

זינט דאַן האָב איך שוין שטעט און לענדער דורכגעוואַנדערט פילע.
היינט ווייס איך אַז די גלאָקן רופן תּפילה טאָן.
היינט ווייס איך, אַז דער טויטער מענטש וואָס הענגט אויף אַלע צלמים,
איז מיינס אַ ברודער-הארץ, איז אונדזערער אַ זון.

געבראַכט האָט ער זיין בלוט צום קרבן פאַר זיין גרויסער ליבע,
פאַרלאַנגט האָט עס אַזוי זיין אייד׳לע הארצנס-גלוט.
פאַרוואָס-זשע קאָן מיין הארץ ניט לערנען זיך די לייט צו ליבן —
די אַלע פרומע לייט, וואָס גלויבן אין זיין בלוט?...

איך האָב קיינמאָל ניט ליב געהאַט די אַדל-לייט פון פוילן,
אַן איינזאַמער בין איך אויף דייטשלאַנדס ערד געווען.
אין אַלע זייערע פּראָצעסיאָנס-געזאַנגען פלעג איך שטענדיק
דאָס אַלטע יויזל פון מיין קינדערצייט דערזען...

איצט בין איך ווייט פון זיי. און יאָרן זענען שוין פאַרגאַנגען.
מיין היים איז איצט ניו יאָרק, די פרייע פעלקער-שטאָט.
די שטאָט, וואו יעדער גלאָקן-קלאַנג פאַרקלינגט אַ נישט-געהערטער,
און אויך קיין בלוט פליסט דאָ אין נאָמען פון אַ גאָט.

און דאָך — ווי אין דער ערד די וואָרצל פון אַ בוים אַן אַלטן,
ליגט טיף אין מיר דער ווייטיק פון מיין קינדער-צייט.
ווי דעמאָלט איז אויך היינט מיין וואוינונגס-גאַס אַ וואָלקן-גרויע
עס רינגלען מיך אַרום דיזעלבע אָרמע לייט...

און זיץ איך דאָ אַזוי אַצינד פאַראײנזאַמט אויפן שיף־דעק,
און הערט מיין האַרץ דעם רויש, דאָס ווילדע טאַנץ־געשריי —
ווערט שווער מיין לעבן מיר, ווי גלייך עס וואָלט אויף זיך געטראָגן
אַן אַלטן, טויזנט־יאָריק־אַלטן, טיפן ווײ...

מיר דאַכט, אַז איך אַליין — איך הענג אַצינדער אויף אַ צלם...
עס ליגט אַרום מיין קאָפּ אַ קראַנץ... אַ דערנער־קראַנץ...
פון מיינע הענט און פיס טריפט בלוט... און רונד־אַרום דעם צלם,
פאַרפירן מיינע פייניקער אַ ווילדן טאַנץ...

און שטיל בין איך. איך בעט ניט גאָט אַז ער זאָל זיי פאַרגעבן — — — —
עס האָט מיין האַרץ פאַר זיי קיין פונק פון ליבע ניט — — —
דאָס אַלטע „למה" אויך איז לאַנג, שוין לאַנג אין מיר געשטאָרבן —
מיין האַרץ איז לאַנג שוין, לאַנג פון גאָט און גלויבן מיד. — — —

VI

דריי טעג צוריק האָט מיך דיזעלבע שיף צו דיר אַרויסגעפירט.
אַ קלאָרער יוגנט טאָג האָט איבער אונדז זיך דעמאָלט אויסגעשפּרייט.
די ערשטע שטראַלן האָבן קוים די אויבערפלאַך פון ים באַרירט.

קיין וואָלקנדל איז ניט צו זען געווען אין הימל ווייט און ברייט.
און ווייסע פייגל האָבן אומגעשוועבט אין העלן מאָרגנשיין
און קינדיש, ווי אַ קינד אין יום־טוב־קלייד, האָט זיך מיין האַרץ געפרייט.

פאַרביי איז אַלץ אַצינד. שוין פאַלט דער דריטער טאָג אין נאַכט אַריין.
און שטערן צינדן זיך אין הימל איינציקווייז. און פינצטער ווערט.
פאַרגיין וועט נאָך אַ שעה און דאַן וועל איך אין רויש פון לעבן זיין,

אין יענעם ווילדן רויש וואָס האָט אין מיר מיין יוגנט פרי צעשטערט.
און ווידער וועל איך צווישן פילע מענטשן איינזאַם זיין אָן דיר.
און פילן וועל איך אונטער מיינע טריט אַ האַרטע פרעמדע ערד,

און זען וועל איך פאַר מיר אַ רו־לאָז פאָלק, וואָס האָט צוגלייך מיט מיר
זיך איינגעליבט אין ערגסטן ווינקל־אָרט פון אונדזער נייער פרעמד —
ווי גלייך אַ הונט, וואָס גוט מוז זיין פאַר אים די שוועל פון יעדער טיר.

און רו־לאָז וועל איך אויך די אבות מײנע זען אין טויטן־העמד,
ווייל טיף אין מיר האָט אײנגעוואָרצלט זיך די שרעק פאַר שווערדן־
קלאַנג,
ווייל טיף אין מיר ליגט זייער שטאָלצער גייסט פאַרלאָזן און פאַרשעמט.

און ווידער וועט מײן לעבן גײן ווי גלייך אַן אַלטן זייגערס גאַנג,
און האָבן וועט מײן טאָג אַ שטוב מיט פיר פאַרשטױבטע ענגע ווענט,
און ווי אַ פליג, אין שפּין־געוועבן, וועל איך שטונדן־שטונדן־לאַנג

זיך פּלאָנטערן אין אײגענעם פאַרלאַנג און פרעגן אָן אַן ענד,
און האָפן פיל — און יעדע האָפנונג וועט צעגײן ווי רויך און שוים...
און זען וועל איך דעם טויט און פילן אויף מײן לעבן זײנע הענט,

און זוכן וועט מײן האַרץ אַ טרייסט־געדאַנק... און בענקען נאָך אַ טרוים...
און וואַקסן ביז צום וואַנזין וועט מײן וויי און שטאַרבן אין מײן ליד.
און רו־לאָז בײטן וועט די זון מיט שטערן זיך אין וועלטן־רוים,

און נאַכט אויף נאַכט וועל איך אויף מײן געלעגער ליגן קראַנק און מיד...
און טראַכטן לאַנג פון זון־און־שטערן־בײט. און טראַכטן לאַנג און שטום
פון מענטשן־זין וואָס יאָגן זיך נאָך גליק, ווי נאָך אַ זונהס טריט,

און גריזשען יעדע לעבנס־לוסט אין זייער אייגן האַרץ אַרום —
ווי מייז פאַרהונגערטע אַ שטיק פאַרשימלטן, פאַרדאַרטן ברויט. — — —

VII

און רואיק ווערט דאָס לעבן אויפן דעק. אַ שטילקייט שפּרייט זיך אויס
און אַלע הילן זיך אין מאַנטלען איין און קוקן ווייט אין ים אַרויס,
און ליכטיק בלאַנקט און פינקלט דאָ און דאָרט אַ ליכט, אַ פייער־שײן.
די שיף גייט שטיל און פילע ווערן מיד און דרימלען לאַנגזאַם איין.
די נאַכט איז טיף. פיל טיפער פון דער נאַכט איז איצט די נאַכט אין מיר.
איך זוך אַ טרייסט־געדאַנק. פאַרבענק איך זיך צוריקגיין צו דיר,
דערזע איך דיך, ווי זיך אַליין, פאַרבענקט און בלאַסער זעסטו אויס,
און פון דער טונקלקייט וואַקסט פאַר די אויגן מיר אַ בילד אַרויס.

אַ גאַס. אַ שטיבל, און אַ מוטער שטייט ביים פענצטער דאָרט. ס׳איז נאַכט.

די מוטער קוקט צום פענטצער ווייט אַרויס, זי קוקט פאַרזאָרגט, און טראַכט.

פּלוצ שטומערהייט איר טיפסטע הארצנסקלאַג אין נאַכט און ווינט אַרויס.

איר קינד, אין ווייטער ווייטער פרעמד, אַליין. און וואו? אין וועמעס הויז?

ווער היט זי אָפּ? און ווער וועט זיין דער מענטש וואָס וועט איר חתן זיין?

איר קינד איז שוואַך און שטיל. און לויטער איז עס ווי דער מאָרגנשיין.
און, גאָט באַהיט, פּיליכט קומט ווער, וואָס זאָגט אַ גאָלדן גליק איר צו
און נאָך דער חופּה שוין פאַרלאָזט, פאַרלאָזט ער זי... אויף הפקר וואו —
איך זע דיין מוטער איצט. גייט שטיל מיין האַרץ אַ ווייטן וועג צוריק.
אַמאָל — דו ביסט אַ קינד געווען. דיין מוטער איז געזעסן ביי דיין וויג,
געזונגען דיר אַ ליד און אויסגעטרוימט דאָס שענסטע גליק פאַר דיר.
היינט ביסטו ווייט פון איר. ביסט פילע, פילע מיילן ווייט פון איר.
ביסט דאָ ווי איך... ווי איך און אַנדערע וואָס האָבן גלייך ווי דו
געהאַט אַ היים אַמאָל. העט־וואו, אויף יענער זייט פון ים, העט־וואו —
אויף רוסלאַנד ערד. אין פּוילן־לאַנד. געהאַט האָבן מיר אַ ווינקל אָרט
אין זיי׳רע שטעט. און אַלע האָבן מיר געלעבט אינאיינעם דאָרט,
און גוט איז אונדז געווען, כאָטש שווער האָט אונדז די צינזן־לאַסט געדריקט.

און כאָטש עס האָט דער קעניג בייזע לייט צו היטן אונדז געשיקט,
האָט קיינער ניט געקלאָגט. מיר האָבן אמת ליב געהאַט די ערד,
די ערד, וואָס גאָט האָט אונדז, די היימלאָזע, אין וואַנדער־וועג באַשערט.

און קיינמאָל האָט גאָטס נאָמען ניט אויף יענע טירן אויסגעפעלט,
אויף וועמעס שוועל עס האָט אַ קינד פון אונדז זיין פוס ארויפגעשטעלט.
קיין אָרעמאַן האָט ניט ביים רייכנס טיש געפעלט טאָג־איין, טאָג־אויס.
און גאָט־געבענטשטער פרידן האָט געהערשט אין גאַס, אין יעדן הויז.
און קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט זיי׳רע פאָטערס לאַנגע בערד,
און איבער אַלטע ספרים זינגענדיק און שטענדיק טיף פאַרקלערט,
געזעסן זענען טאָג ווי נאַכט פיל איידעלע און יונגע לייט.

און מיידלעך האָבן תפילין־זעקלעך אויסגענייט פון גאָלד און זייד.
און אַלע מיידלעך האָבן אויסגעזען אַזוי ווי שטערן ריין.
און אַלע זענען שעמעוודיק געווען, און גוט און ליב און שיין,
און אַלע האָבן זיי די מאַמעס זייערע האַרציק ליב געהאַט,
און ווי אין פרילינג בליט די בלום אין פעלד און אויפן ביים דאָס בלאַט,
אַזוי האָט רואיק פרידלעך אויפגעבליט אַ דור און נאָך אַ דור,
און ווי אַ גאָלדענע קייט געצויגן האָבן זיך פיל הונדערט יאָר,
איז אָבער אַזאַ שטילע צייט פאַר אונדז ווייזט אוים צו שיין געווען, —
האָט זיך אַ דריי געטאָן דאָס בלינדע ראָד און דעמאָלט איז געשען,
אַז אויפגעהויבן האָט אַן אומרו זיך און, ווי אַ בייזער ווינט,
האָט זי אַרומגעכאַפּט דאָס לעבן גאַנץ, פון זקן ביז צום קינד,
אין יעדן לאַנד און אויף דער גאַנצער וועלט. און אין אַ וויסטער נאַכט
האָט זיך די זעלבע אומרו אויך צו אונדז אין גאַס אַריינגעבראַכט —
אַ קריג, אַ בייזע קריג האָט אָנגעהויבן צווישן יונג און אַלט.
און פרעמד איז איינער צו דעם אַנדערן געוואָרן, פרעמד און קאַלט,
גלייך איבער זיי וואָלט אומגעשוועבט די בשורה פון אַ בייז געריכט...
די זין אין יעדן הויז — זיי האָבן פלוצלונג פון אַ נייעם ליכט
געזונגען און גערעדט, ווי פיבער־קראַנקע רעדן פונעם שלאָף.
די טעכטער אויך... דער פאָטער האָט געזען אין דעם אַ בייזע שטראָף.
„אַ בייזע שטראָף פון גאָט" — האָט יעדער זקן שטום פון צער געטראַכט,
און אַלט און גרוי געוואָרן זענען יונגע מאַמעס איבער נאַכט.
און אין דער זעלבער צייט האָט אָנגערוקט אויף אונדזער גאַס
אַ שווערער וואָלקן־וואַל, דער האַס צו אונדז, דער דורות־אַלטער האַס.
צו הערן האָט זיך באַלד געבראַכט פון ערגעץ־וואו, אַז דאָ און דאָרט
האָט זיך אַ רויבער־הורדע ווילד אַריינגעוואָרפן אין אַן אָרט.
און ווייל מיר האָבן ניט געהאַט קיין סערפּ, קיין האַמער און קיין שווערד,
האָט אונדז אַ וויסטער שרעק אַוועקגעיאָגט פון אונדזער היימאַטס־ערד.
און ווי אין האַרבסט צעטראָגט דער ווינט דעם בלעטער־שטויב אין פעלד,
אַזוי האָט אונדז די שרעק צעזייט, צעשפּרייט אין אַלע ווינקלען וועלט.
און ווי אַ שוואַרצע קייט, האָט זיך אַ שרענגע שיפן גרוים און שווער,
געצויגן יאָרן־לאַנג אַריבער דעם אוקינוס דאָ אַהער.
און אייביק רוישט און ברויזט דער ים און שיפן גייען און גייען,

און קינדער לאָזן איבער דאָרט, אויף יענער זייט פון ים, אַליין
אַ טאַטן אויף דער עלטער שוין און ווער אַן אַלטע מאַמע אויך.
וואָס וואָגלט דאָרט אַרום, ווי אין אַ גרויען טאָג, אַ וואָלקן־רויך.
און טראַכט פון דיר, פון מיר, און פון אונדז אַלע דאָ, מיט טיפער פּיין...
און גייט אין טרוים צוריק צו אונדזער קינדער־וויג... און וויגט
אונדז איין.
און וויינט אין זיך אַריין און בעט ביי גאָט עס זאָל אַ נס געשען,
זי זאָל זיך כאָטש נאָך איין מאָל פאַרן טויט מיט אירע קינדער זען.

VIII

ס'איז נאַכט. אַקעגן אונדזער שיף שטייגט אויף אַ נעפּל רויט און שווער.
נאָך אים אַ טונקלע וואַנט מיט פייערן וואָס ווערן מער און מער,
און טורעמס וואַקסן אויס און הויבן זיך אַרויס פון מיטן ים.
ווי ריזן־זיילן הויך, און העל־צעגליט. אַ טונקל־רויטער פלאַם
פאַרדעקט דעם הימל ווייט אַרום. די לופט ווערט הייס, ווערט
ענג־געדיכט.
און טורעמס ווערן מער און מער. אַ שפּיל, אַ צויבער־שפּיל פון ליכט.
אַ פייער־קראַפט וואָס שפּרייט זיך אויס און וואַקסט צום הימל הויך
אַרויף
און שליידערט אָפּ די נאַכט אויף מיילן־ווייט, און הייבט זיך העכער
אויף —
אַ ריזן־ווערק פון מענטשן־גייסט געבויט. אַ שטאָט פון שטאָל
און גלויט —
ווי פיבער גייט די אומרו פון דער צייט אַצינדער דורך מיין בלוט...

IX

אַ מענטש זיצט לעבן מיר אַליין. און ביסטרע, ווי אַ קראַנקער הונט,
שטעלט ער די אויגן אַן אויף יענעם רויט־צעגליטן צויבער־שפּיל,
וואָס רוקט זיך נענטער אַלץ און הויבט זיך אויף אָן מאָס, אָן ציל,
די שטאָט... די ריזן־שטאָט... און טיף אין אים שרייט אויף אַ בייזע
וואונד.

עס רויבט די שטאָט ביי אים זיין לעבנס-צייט פאַר טרוקן ברויט אוועק.
זי שליסט אים איין מיט טויזנט אַנדערע אין גלות פון אייזנווענט.
מאַשינען רוישן דאָרט און רעדער טרייבן רו-לאָז זיינע הענט,
און נאָך די רעדער יאָגט זיין ווייסטער לעבן זיך, דורך נעכט און טעג.

ווי דו, האָט ער די שטאָט ניט ליב. ווי דו, זוכט ער אין איר זיין גליק.
ווי דו, און פילע טויזנט אַנדערע, וואָס האָבן, גלייך ווי דו,
זיך נעכטן ערשט באַפרייט. וואו אָבער נעמען זיי פאַר היינט די רו,
אַז מאָרגן שוין פירט ווידער זיי די שיף אין שטאָט אַריין צוריק —

און ווידער גייען זיי אַ גאַנצן יאָר דעמזעלבן אַלטן וועג,
און ווידער אָטעמען זיי די קראַנקע לופט, און רייסן זיך אַרויף,
און פאַלן טיף אַראָפּ, און ראַנגלען זיך, און פאָרן זיך צונויף,
און ציען קינדער אויף, וואָס זענען קראַנק און לעבן ווייניק טעג —

און בויען הייזער אויף וואָס וואַקסן איבער נאַכט, און וואַקסן הויך.
און גאַסן ברייטן זיך און מערן זיך און ענג און ענגער ווערט.
און רולאָז שרייט די קראַפט, און שאַפט און וואַרפט זיך און צעשטערט,
און הויבט זיך אויף און מישט זיך אויס מיט שטויב און אייזן-רויש
און רויך;

און אַלע יאָגן זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין טיפער פיין,
און בייטן הייליקייטן אויס פאַר טרוקן ברויט, און רויט ווי גלות
פלאַמט אויף די לוסט נאָך גאָלד און גראָבט זיך איין אין זייער פלייש
און בלוט
און רולאָז שרייט די נויט און שלינגט זיי רגע-ווייז מיליאָנען איין —

און שיפן גרויסע קומען אַלע טאָג און קומען אימער מער,
און שיפן זינקען איין, אַ ווילדע שרעק פאַלט אָן, די שרעק פאַרשווינדט,
און שיפן נייע ראַנגלען זיך אויפסניי מיט ים און ווילדן ווינט,
און טעגלעך ברענגט מען מענטשן סטאַדעס-ווייז פון אומעטום אַהער.

און ווײ-געשרייען טויזנט נייע, ווילדע, טראָגן זיך מיט זיי.
אין אַלע זיי'רע בלוטן האַסן זיך, און מישן זיך צונויף,
און ווערן קיינמאָל איינס, און ראַנגלען זיך און גיבן זיך ניט אויף.
און זיי'רע דורות רייסן זיך, צעררייסן זיך און ליידן ווײ,

און ליידן טיפן ווײ, און גוססן לאַנג און שטאַרבן קיינמאָל ניט.
און מיר, און מיר, די אייביקע, פון וועמעס בלוט עס שרייט אַרויס:
מיר זענען שטאַרק און איינזאַם־פריי, און ווייט פון אַלץ, און אייביק־גרויס,
מיר ווירבלען זיך אין גרויסן ווירבלווינט צוגלייך מיט אַלע מיט.

און דרייען זיך און וואַרפן זיך, ווי זיי, אין זעלבן קאַראַהאָד,
און פאַלן אום ווי זיי, און שטייען אויף, און טאַנצן נאָכאַמאָל —
און איבער אַלץ צוזאַמען דונערט ווילד דאָס ליד פון שטיין און שטאָל —
דאָס ליד פון שטיין און שטאָל — דער גרויסער וואַנזין פון דער ריזן־שטאָט.

X

ס'איז האַלבע נאַכט. שוין לאַנג אַראָפּ בין איך פון שיף.
און מיד בין איך. איך ליג אָן שלאָף. מיין ווײ איז טיף.

עס זוכט מיין האַרץ אַ טרייסט. איך טרוים. איך טרוים פון דיר.
איך הער דיך קומען איצט — איך זע דיך לעבן מיר —

דו שווייגסט, און קוקסט מיך אָן מיט אויגן טיף און פייכט —
דו רירסט מיין שטערן אָן — דיין האַנט איז מילד, איז לייכט —

עס וואַקסן דיר צוויי פליגל אויס — דו הויבסט זיך אויף —
און נעמסט מיך מיט — און שוועבסט מיט מיר אַרויף, אַרויף —

טיף אונטן — פינצטערניש, הויך אויבן — זילבער־שיין.
און אויף אַ וואָלקן וויגסטו מיך — דו וויגסט מיך איין.

איך הער, דו וויינסט, דו זינגסט — איך מאַך די אויגן צו —
דער וואָלקן שוועבט — און שטילער ווערט — איך שלאָף, איך רו —
איך רו — — —

לייב-בער

עס ציטערט דער פויגל אין נעסט פאַר אַ שטורעם אין וואַלד;
עס ציטערט לייב-בער און זיין פנים ווערט טויזנט יאָר אַלט,
ווי נאָר ער דערמאַנט זיך די מענטשן אין גאַס פון זיין היים:
זיי האָבן דאָך פנימער אַלע ווי טרוקענע ליים,
און וואוינען אין שטיבלעך מיט שימל און פראָסט אויף די ווענט,
און ריידן מיט ליפּן פאַרדאַרטע און טרוקענע הענט,
און שלעפּן זיך תמיד אַזוי ווי פאַרשאָלטענע שווער,
מיט אויגן אַראָפּ צו דער ערד — דער אַהין, דער אַהער.

פאַרקירצט אים מיט שטראָף-רייד די יאָרן האָבן אָט-אָ-די לייט,
אַזוי ווי אַ בוים וואָס מ'האָט אונטערגעהאַקט פאַר דער צייט.
געהאָדעוועט האָט מען דאָס האַרץ פון אַ קינד אין דער וועלט
מיט מעשות פון שדים, וואָס וואוינען אין וואַלד און אין פעלד.
און גרוי, ווי אַ שטראָס, ווען ער לאָזט זיך אַרויס פון זיין ברעג
און אַלצדינג פאַרפלייצט ער, וואָס קומט אין זיין צילל‌אָזן וועג,
אַזוי האָט די גרויקייט, וואָס שוועבט דאָרטן איבער זיין גאַס,
פאַרפלייצט זיין נשמה מיט אומעטיקייט און מיט האַס.

ווילסט זען וואָס דאָס מיינט? נעם אַ טאָוול און מאָל אויף אים אויס
פון איין זייט אַ שול, וואָס איז אַלט, און אַנטקעגן אַ קלויז,
אין מיטן אַ רינשטאָק מיט שמוץ און אַן אומריינעם אָרט,
און אידן שטעל אויס צו דער וואַנט מיט די פנימער דאָרט,
און דיך מאָל אַריין אין אַ פענצטער, אַ יינגל, און טראַכט,
אַז דאָס איז גאָטס וועלט, וואָס דו זעסט אין דער פרי און פאַרנאַכט.
צו דעם הער זיך איין, צו דעם אייביקן דאַוון-געשריי,
און בענק נאָך אַ לעבן אַזאַ, ווען עס איז שוין פאַרביי.

ביי פריצישע פענצטער באַווייזט זיך אַ זינגער אַמאָל, —
צעפּאַלט צווישן ביימער און בלומען דער קלאַנג פון זיין קול.
הערט אפשר דאָס קינד פון אַן אָרעמען דינער זיך איין,
און לאָזט אויף אַ ווייל אין אַ קינדישן טרוים זיך אַריין.
זינגט עמעץ ביים פענצטער לייב-בערס — איז דאָס לעווע דער יונג,

וואָס רייסט פֿאַר אַ דאָרן שטיק ברויט זיך אַליין פֿאַרן צונג
און ווייזט ווי עס קראַצט זיך דעם שבת-גוים חזיר ביים וואַנט
און, ווי נאָך אַ שיקסע אַנטלויפֿט ווען ער ווייזט איר זיין שאַנד.

און אַז עס באַווייזט זיך דער האַרבסט מיט זיין רעגן און ווינט,
און ס'קאַפּעט פֿון דאַך און פֿון רינווע דאָס וואַסער און רינט,
און טעפּערס צוויי-דריי פֿאַר דער שול-וואַנט מיט זעק אויף די קעפּ,
זיך וויגן אין רעגן אַריבער די שיסלען און טעפּ;
און אַז אויך אַ בעטלער ביים שפּילקאַסטן זיצט אויף דער ערד
און שפּילט וואָס, מיט אויגן צוויי בלינדע צום הימל געקערט,
צי וועט דאָס ניט זיין, ווי אַ צושפּיל צום וואָיען פֿון ווינט —
צום אייגענעם אומעט, וואָס וויינט ווי דער רעגן און רינט?

און אַז אויך אַ טייך האָט דער בורא געשאָנקען דער גאַס,
איז וואו נאָר אַ שמוציקער מולטער, אַ ליידיקע פֿאַס
ביים ברעג מוז דאָס ליגן. און נאַקעטע, ביז צום געזעס,
געקניט האָבן ווייבער ביים וואַסער, געוואַשן געפּעס.

געוואַשן, געריבן מיט טרוקענעם זאַמד און מיט שטרוי
און תמיד מיט הענט ברוין-און-בלויע און דאַרע אַזוי.
און פֿיל ס'האָט געפּלאַגט זיך דער ווינט און די זון מיט איר שיין — — —
די בלאַטיקע גאַס האָט ניט אויפֿגעהערט בלאָטיק צו זיין.

ביינאַכט האָט לייב-בער אויך נאָר זעלטן-ווען שלאָפֿן געקענט.
אין דרויסן דאָס באָד-הויז מיט גרינע פֿאַרסאַזשעטע ווענט,
מיט לעכער 'שטאָט פֿענצטער, פֿאַר קעץ און פֿאַר ווינטן צום שפּיל,
צו דעם נאָך דאָס רולאָזע רעדער-גערויש פֿון דער מיל.
אַ סקריפּ און אַ קלאַפּ פֿון אַ לאָד באַלד דאָ און באַלד דאָרט —
אַזוי האָט לייב-בער זיך פֿאַר פּחד ניט רירן געטאָרט,
און ציטערדיק פֿלעגט ער פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם אין ברוסט,
אַזוי ביז עס האָט זיך זיין טאַטע דער קראַנקער צעהוסט.

פֿאַרטאָג האָט ער אויפֿשטיין געמוזט און זיך אָנטאָן אַליין,
און אָנטראָגן וואַסער אין פֿעסל און דאַווענען גיין,

און גלייך נאָכן דאַווענען האָט ער געמוזט אַלע טאָג
אַריינגיין אין קרעמל און לערנען זיך פעלשן די וואָג,
און שמעקן דעם ריח פון גוים, וואָס פרעסן זיך אָן
מיט חזיר און ברויט שוין ביים ערשטן געקריי פונעם האָן.
און גלייך, ווי ביי טירן ביי פרעמדע, אַ קינד פון דער נויט,
האָט בעטלען געמוזט ער אַליין ביי זיין מאַמען דאָס ברויט.

זיין חדר — אַ פינצטערע נאָרע פאַר שפּינוועבס און שטויב,
אַ רבי, אַן אַלטער, אָן ציין און האַלב-בלינד און האַלב-טויב,
מיט באָרד און מיט וואָנצעס און פינגער פון טאַבאַק פאַרגעלט,
און תמיד אויך האָט ער לייב-בערן ביים ספר געקוועלט,
אַזוי ווי דעם גראָשן, וואָס ר'האָט אין די פינגער געדריקט
אַ האַלבן טאָג, איידער ר'האָט וועמען נאָך טאַביק געשיקט.
און ווייסט ניט לייב-בער, וואו מען האַלט, ווערט דער רבי געוואָר
און רייסט אים אַרויס פון די פאות צוויי זשמעניעס מיט האָר.

דער טאַטע לייב-בערס האָט נאָר זעלטן פאַרלאָזן דאָס בעט,
געזיפצט האָט ער פיל און געשוויגן פיל מער ווי גערעדט.
און פלעגט עמעץ קומען אים טרייסטן און רעדן פון גאָט,
האָט ער זיינע ברעמען פאַרצויגן, געשמייכלט מיט שפּאָט,
ווי איינער, וואָס ווייסט שוין, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין וועלט.
געלערנט דאָך האָט ער לייב-בערן צו ליב האָבן געלט,
גלייך דאָס נאָר אַליין איז דעם לעבנס איינאיינציקער ציל,
און קיינמאָל געוואוסט האָט לייב-בער פון אַ קינדערשער שפּיל.

ס'איז פרעמד פאַר אַ לאָמען די פרייד, וואָס מיר האָבן ביים טאַנץ,
ס'איז פרעמד פאַר דער נאַכט אויך דעם מאָרגנס גינגאָלדענער גלאַנץ,
און פיל אויך עס גריבלט לייב-בער איז קיין פריילעכע שעה
אין זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, די יונגע, נישטאָ.
זיין אָנדענק פון דעמאָלט איז פוסט, ווי דאָס בעט אין אַ הויז,
וואָס בלייבט נאָך אַ מת, ווען מען טראָגט אים אין דרויסן אַרויס.
אַ היים אָבער בלייבט דאָך אַ היים, און לייב-בער בלייבט לייב-
בער — — —
נאָר אָפטמאָל אויך ווערט אים די אייגענע בענקשאַפט צו שווער — — —

בענק אַהיים

בענק אַהיים און האָס דיין היימלאַנד,
זיי אַן אָפּגעבראָכן צווייגל
פון אַ בוים אַ לאַנג-פאַרדאַרטן.
זיי אַ קליינטשיק אַשנשטויבל
אין אַ ברענענדיקן שטורעם.
כעס זיך, מענטשל, אין דיין ווייטיק.
ווען אַ לייב זאָל דאָ פאַרבלאָנדזשען
וואָלט ער וואַנזיניק געוואָרן,
וואָלט ער זיך אַליין צעריסן.
וויין אויף דיינע יאָרן, מענטשל,
ווי אין ים אַריין אַ רעגן
פאַלן דיינע טרערן.

מיר פון היינט

נאָך איז דער קאָפּ געבויגן שווער,
דער נאַקן נאָך געקרומט.
נאָר אויך אַזוי זעט אוים דער בער,
וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און ברומט.
דער שלאָף איז אוים. צעפלאַצט און שטומט —
די רויטע האָרדע קומט.

דער וועג פירט פון מצרים ניט.
ניט גאָלד איז דאָס געפעק.
מיר ברענגען שטאָלצע פּראָסטקייט מיט
און קראַפט, ווי ווייץ, אין פולע זעק;
און הילכנדיק מיט טריט, ווי העק
צעהאַקן מיר די שרעק.

היי, וועכטער, היי, די פראַצע שפּאַנט
דורך שטויב און זונען־שיין.
דאָס אַלטע טויער וואַרפט פאַנאַנד
און ברעכט די אַלטע מויער איין;
דער וועג אין אייגן לאַנד אַריין
זאָל ברייטער, פרייער זיין.

אַ הונט איז דער, וואָס פֿאַלט נאָך אָן
אויף אונדזער פֿאָן אַצינד.
און דער, וואָס ווייכט און האָסט די פֿאָן,
דער האָסט זיין ווייב און האָסט זיין קינד —
פֿאַרדאַמט איז ער צו ליידן בלינד —
צו זיין אַ שטרוי אין ווינט.

אַ קנעכט איז דער, וואָס וואַרט אויף גנאָד
פֿון גאָט און קרוין און שווערד.
דאָס האַרץ אין אונדז איז אונדזער גאָט.
וואָס וויל דאָס האַרץ? אַ שוואַרץ שטיק ערד,
און ברויט פֿון אייג׳נער האַנט באַשערט,
און ווייַ צו דעם, וואָס שטערט.

די זון האָט לאַנג גענוג געשיינט
אויף הייליק שטויב — אָהאָ!
פֿאַר אַלטער הייליקייט איז היינט
געקומען שוין די לעצטע שעה.
פֿאַר קברים-טרוימער איז נישטאָ
קיין אָרט נישט דאָרט, נישט דאָ.

פֿאַר זיי פֿאַרפֿוילטער מת-געדוך —
פֿאַר אונדז דאָס קינד אין וויג;
פֿאַר זיי אַן אַלט פֿאַרשימלט בוך,
ווי פֿאַר דעם וואָרעם און דער פֿליג —
פֿאַר אונדז דאָס אייגן לייב אַ בריק
אויף אונדזער וועג צום זיג.

זיי רופֿט די אַלטע וואַנט צום טויט
דורך דורות נאָכאַנאַנד.
פֿאַר אונדז, וואָס אונדזער פֿאָן איז רויט,
ווי אונדזער זון אין אונדזער לאַנד, —
מיר גייען, דעם האַמער אין דער האַנט,
צעשמעטערן די וואַנט.

מיר ברענען אוים, ווי נאָך אַ פּעסט,
דאָס לאַנד אויף באַרג און טאָל.
און ווי דער היישעריק פעלדער פרעסט,
אַזוי באַפאַלן מיר אַן צאָל
מיט פייער און מיט שאַרפן שטאָל
דאָס בעסטע פון אַמאָל.

אַ באַרג מיט אַש און שטויב זאָל זיין
פון אַלץ, וואָס איז געווען.
דאַן וועט די קראַפט אין זונען־שיין
דורך פראַצע ווייזן, וואָס זי קען.
און ניט קיין וואונדער וועט געשען
ווען בלינדע וועלן זען.

ווי איבער נאַכט וועט בוים און צווייג
זיך אָנלאָדן מיט צווייט.
און בלאַנקען וועט דאָס פעלד־געצייג,
דאָס פעלד־געצייג פון שווערד געשמידט;
און ליכטיק, ווי אַ שוואַן, וואָס פליט,
וועט זיין דעם שניטערס ליד.

פֿאָרטרעט: מיין זיידע —

I

הער איך אַרומגיין אין אַלקער ביי מיר
אַהין און אַהער, צווישן פֿענצטער און טיר —
טראַכט איך, ווער האָט זיך די חוצפּה גענומען
אין מיטן דער נאַכט אין מיין אַלקער צו קומען?
טראַכט איך און טראַכט, אפשר דער, אפשר דער,
דאַכט זיך מיר אוים, אָן די טריט וואָס איך הער,
אַז דאָס איז מיין זיידע, וואָס קומט מיך צו שטראָפֿן —
צו פֿרעגן, פֿאַרוואָס איך בין ווידער אַנטלאָפֿן
און איבערגעלאָזן די מאַמען אַליין
אויף הפקר, אַזוי ווי אַן עלנדן שטיין? — — —
בין איך דאָך מיד שוין די שטראָף־רייד צו הערן,
טראַכט איך, כ׳על פּרואוון אַנטשלאָפֿן צו ווערן.
הער איך מיין זיידן אַרומגיין ווי פֿרי׳ר.
צי איך די קאָלדרע העט איבער מיר,
און פּרואוו בלויז אַ קוק טאָן דורך שפּאַרעס פֿון ד׳אויגן.
זע איך מיין זיידן אַרומגיין געבויגן,
געבויגן — דעם קאָפּ ביז אַראָפּ צו דער ערד.
אַזוי ווי אַן אַלט און אַ שלעפּעריק פֿערד,
וואָס שלעפּט ערגעץ־וואו אַ ציגיינערשן וואָגן.
זע איך דאָס — ווילט זיך צום זיידן מיר זאָגן
ער זאָל ניט אַרומגיין דעם קאָפּ צו דער ערד,
אַזוי ווי אַן אַלט און אַ שלעפּעריק פֿערד.
פֿאַלט איין מיר, אַז אפשר בלויז איז דאָס אַ חלום,
הוסט איך און פּרואוו אים אָפּגעבן שלום.

שטעלט ער זיך אָפּ און ער קוקט אויף מיין האַנט
ווי איינער, וואָס טראַכט פון אַ זאַך נאָכאַנאַנד,
און זעט ניט די זאַך וואָס מען האַלט אים פאַר ד'אויגן.
זע איך מיין זיידן אַזוי־אַ געבויגן,
געבויגן דעם קאָפּ ביז אַראָפּ צו דער ערד,
אַזוי ווי אַן אַלט און אַ שלעפּעריק פערד.
טראַכט איך שוין, אפשר גאָר וועט ער מיך שלאָגן — — — —
האָב איך שוין מורא אים עפּעס צו זאָגן.

II

האָב איך מורא וואָס מיין זיידע
שטייט אַזוי געבויגן שטיל,
וויל איך, אַז ער זאָל זיך זעצן
קלאַפּ איך מיטן שטול אין דיל.

שטייט ער ווי אַ וואַקסן מענטשל,
און ער טוט זיך ניט קיין ריר.
פּרואוו איך נענטער צו אים צוגיין,
הויבט ער אויף זיין קאָפּ צו מיר.

איז זיין באָרד אַ בלוט־באַפלעקטע,
און זיין פּנים שוואַרץ ווי קויל,
דאַכט זיך מיר איך זע אַ מעסער
אין זיין גרוים צעעפנט מויל.

פּרואוו איך אָנרירן דאָס מעסער,
שלעפּ איך עס פון מויל אַרויס,
ווענדט ער אָפּ פון מיר די אויגן,
בויגט ער זיך אַראָפּ, שפּייט אויס.

קוק איך — קומט ער, גיט מיר שלום
גלייך ווי גאַרנישט וואָלט געשען,
און זיין פּנים הויבט אָן שיינען,
אַז אַ בלינדער קאָן דאָס זען.

איז דאָס אַלץ פאַר מיר אַ וואונדער,
שמייכלט ער, און גלעט זיין באָרד
און אויף אַלץ, אַזוי ווי תמיד,
ענטפערט ער מיט האַלבן וואָרט.

און ווי נאָכן מרחץ פרייטיק,
וואַשט ער זיך און גייט צום טיש,
זע איך אויך די מאַמע קומען —
חלה ברענגען, בראָנפן, פיש.

גיסט ער אָן און מאַכט די ברכה,
זאָגט לחיים אויפן קול,
און ער עסט די פיש, און לויבט זיי,
און ער בענטשט ווי אַלע מאָל.

נאָכדעם טוט ער אָן די ברילן,
בויגט זיך צו אַ ספר צו,
דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז אַ חלום,
קוק איך — האָב איך ניט קיין רו.

פרואוו איך און איך פרעג צי זאָל איך
טאַביק פאַר אים קויפן גיין, —
בעט ער מיך איך זאָל זיך שפּילן
און זאָל לאָזן אים אַליין.

III

איז מיר שווער אַזוי צו לעבן,
וועל איך גיין צוריק אַהיים,
און זיך אויפשטעלן אַ שטיבל
בלויז פון ברעטער און פון ליים.

און זיך טובלען גיין דאָרט וועל איך
פאַרן דאַווגען, אַלע טאָג.
און אין מסחר, ווי מיין זיידע,
וועל איך היטן מאָס און וואָג.

מיט דעם אָרעמאַן אויך וועל איך
אַלצדינג טיילן, וואָס איך האָב.
און דערביי אויך וועל איך טראַכטן:
נישטיק איז דעם מענטשנס גאָב.

און צו חצות אויך וועל איך אויפשטיין,
ביי דעם ערשטן קריי פון האָן.
און פאַרגעבן וועל איך יעדן,
ווער עס האָט מיר שלעכטס געטאָן.

גוט זיין וועל איך צו מיין שונא,
ווי אַ טאַטע צו זיין קינד.
אפשר וועט דאָס מיין נשמה
לייטערן פון שלעכטס און זינד.

אפשר וועט דורך דעם דער פרידן
קומען איבער מיר אַליין.
און מיין זיידע אויך וועט רוען
אונטער זיין מצבה־שטיין.

IV

הער איך צוועלף דעם זייגער שלאָגן,
שטיי איך אויף צום תהילים-זאָגן.
זע איך זיבן ווּיסטע ווּעגן, —
טאַנצן מיר פון דאָרט אַנטקעגן
זיבן ווייבער, אַלטע, טויטע,
אויף די קעפּ מיט הייבלעך רויטע,
אויף די לייבער העמדער גרינע.
העמדער גרינע, לאַנגע, דינע.
זע איך דורך און דורך אין גאַנצן
זיי׳רע קרומע פיס וואָס טאַנצן.
וויל איך לויפן צו די טירן,
קאָן איך זיך פון אָרט ניט רירן.
וויל איך שמע ישראל שרייען,
קאָן איך ניט די צונג באַפרייען,
גיב איך איבער צו דעם בורא
מיין נשמה. און מיט מורא
וואַרט איך וואָס דער סוף וועט ווערן,
לאָזט אַ האָן אַ קריי דערהערן.
רייסן זיך די טויטע ווייבער
זיי׳רע העמדער פון די לייבער,
און זיי קרייען ווי די הענער,
מיט משונהדיקע טענער.
און פון מיילער גרין ווי שימל,
שטעקן זיי אַרויס צום הימל
זיבן צונגען, קעפּ פון שלאַנגען,
און מיט פּעטש, ווי קלויסטער-קלאַנגען,
פּאַטשן אַלע זיך אין הינטן
און פאַרוואַנדלען זיך אין ווינטן.
האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן,
נעם איך זיך צום תהילים-זאָגן.

SIR JOHN

(פון אַ מיידלס טאָג־בוך)

מיין מאַמע פלעגט זאָגן:
— ס׳גייט איבער דער גוי, ווען ער שיכורט זיך איין,
פון אַ קוש ביז צו מאָרד, ווי פון בראַנפן צו ווייז.
אַ קוש אין דער פּיאַטע, אַ רים ביי דער באָרד —
ביים גוי איז אַ האַרץ־קלאַפּ פון קוש ביז צום מאָרד.
— ביז איצט האָב איך קיינמאָל אין דעם ניט געגלויבט, —
סער דזשאָן אָבער האָט מיר מיין צוטרוי געראויבט.
איצט גלויב איך אַז ליבן אַ גוי איז אַ זינד.
זיי מוחל מיר, מאַמע, זיי מוחל דיין קינד.
איצט ברענג איך צוריק אַ צעבראָכנם צו דיר
דאָס האַרץ מיינס, וואָס דו האָסט פאַרלוירן אין מיר.
צי בין איך פאַרבלענדט, צי פאַרכישופט געווען, —
איך ווייס ניט — נאָר אָט ווי אַזוי ס׳איז געשען:

ווי אַלעמאָל, מיטוואָך אין אָוונט, האָב איך
זיך אָנגעטאָן נעכטן די זיידענע שיך.
דאָס סאַמעט־קלייד אויך און דאָס האַרץ האָט אין מיר
מיט אומרו געוואַרט אויף דעם קלאַפּ אין דער טיר.

סער דזשאַן איז געקומען און האָט מיר דערלאַנגט
באַנבאַנעס און בלומען. איך האָב אים געדאַנקט.
האָט ער זיך פאַרנויגט און געטאָן מיר אַ גלעט,
דערנאָך זיך געזעצט לעבן מיר און גערעדט,
ווי אַלעמאָל, שיין און מיט אויגן פול פרייד, —
איז גוט געווען מיר צו פאַרנעמען די רייד.
האָט ער מיך געפרעגט צי דערלויב איך אים ניט,
אַז ער זאָל מיר ווייזן די נייעסטע טריט. —
האָב איך אים דערלויבט. האָט ער לוסטיק און גיך
אַ צי מיך געטאָן ביי די הענט ביז צו זיך
און האָט מיך אַ הויב געטאָן לייכט, ווי אַ קינד,
און דאָס איז געשען אַזוי מאָדנע געשווינד,
אַז קוים וואָס איך האָב נאָך אַ קוויטש טאָן געקענט,
האָט ער מיך שוין ווידער געהאַט אין די הענט,
און דאָ איז — איך וויים ניט אַליין ווי אַזוי —
מיר אַלץ אַזוי ליכטיק געוואָרן און בלוי,
אַזוי ווי עס וואָלט אַרום מיר זיך צעגליט
אַ זוניקער מאַי־טאָג מיט בלומען און צוויט,
און גלייך ווי מען וואָלט מיר דעם צוויט און די שיין
געוואָרפן מיט זשמעניעס אין האַרצן אַריין, —
האָב איך מיט אַמאָל אַזוי יונג זיך דערזען,
ווי איך וואָלט באמת אַ קינד נאָך געווען.
אַ קינד צווישן קינדער אין זוניקע טעג,
וואָס שפּילן זיך, לויפן זיך נאָך אין געיעג.
דאָ האָב איך אַ רים געטאָן זיך און אַ שפּרונג,
און קינדיש געוויזן סער דזשאַנען די צונג.
האָט ער מיך אַ כאַפּ טאָן געוואָלט פאַר מיין קלייד, —
האָב איך זיך מיט אים אַרום טישל געדרייט;
האָט ער זיך געיאָגט הינטער מיר הין און הער,
געוואָרפן מיט הענט, ווי מיט לאַפּעס, אַ בער.
אַ בער לויפט מיר נאָך אַרום טישל אַרום, —
האָב איך אים געהייסן: סער דזשאַן טו אַ ברום.
האָט ער, ווי אַן אמתער בער זיך צעברומט, —
האָב איך אים דאָס ברומעניש איבערגעקרומט.

האָט ער זיך צעקרייט ווי אַ האָן און געלאַכט,
געלאַכט און געוויינט, ווי אַ קאַץ אין דער נאַכט.
און נאָכגעמאַכט אויך דאָס געביל פון אַ הונט,
ביז ר'האָט זיך צעלאַכט אַזוי הילכיק געזונט,
אַזוי ווי עס וואָלטן די פרייד און די לוסט
מיט קופּערנע שטיוול געטאַנצט אין זיין ברוסט.
— סער דזשאָן! ביסט אַ האָן, ביסט אַ בער, ביסט אַ נאַר.
האָט ער מיר געוויזן די פּויסטן דערפאַר, —
האָב איך ניט פאַרטראַכט זיך (עס פאַלט דאָך ניט איין
אין מיטן ביים שפּיל) פונעם סוף וואָס קאָן זיין.
און אויסלערנען האָב איך געהייסן מיך פרי'ר.
האָט ער מיט די הענט זיך געטאָן אַ צעפיר
און גרינג אַזוי, קוים צו דערזען מיטן בליק,
אַ שפּרונג געטאָן עטלעכע טריט אויף צוריק.
און פלינק אויך אַזוי ווי אַ שד אַזוי גיך,
אַרונטערגעשליידערט דאָס רעקל פון זיך,
פאַרקאַשערט די אַרבל, די מוסקולס געשטייפט,
און שוין האָט די לופט זיך אין צימער צעפּייפט
ביי איטלעכן שוואונג פון זיין פליענדער פויסט,
אַזוי ווי אין דרויסן דער ווינט, ווען ער ברויזט.
אַ שוואונג און אַ שפּרונג דאָ צוריק, דאָ פאָרויס.
און איך האָב דערפילט ווי דאָס האַרץ גייט מיר אויס.
דאָס איז דאָך גאָטס שיינקייט, גאָטס ליכטיקסטער טרוים.
דאָס איז דאָך געוואַקסן אַזוי ווי אַ בוים,
וואָס וואַרפט זיך אין ווינט אויף אַ זומערדיק פעלד.
דאָס איז דאָך — כאָטש נעם און אַנטלויף אין דער וועלט
פאַר אָט־אָ־דעם גליק, אָדער פאַל צו די פיס,
אַזוי ווי אַ קאַרליקל פאַלט פאַר אַ ריז
און צי זיך אַרויף מיטן לייב, מיט די הענט
צום לעבן, וואָס רויט, און צום ליכט, וואָס פאַרבלענדט.
— סער דזשאָן! — האָט זיך הויך אַ געשריי טאָן געוואָלט, —
ביסט מיינער אינגאַנצן און איך האָב דיך האָלד.
סער דזשאָן, דו מיין שטאַרקער, אַ קום הויב מיך אויף
און צי מיך צו זיך, ביז צו זיך, ביז אַרויף.

דיין אָטעם איז פייער, דיין אָטעם איז וויין,
אַ נעם מיך, פאַרברען מיך און שיכור מיך איין.
סער דזשאָן, כ׳האָב דיך ליב, הער שוין אויף, לאָז שוין אָפּ. —
סער דזשאָן אָבער האָט שוין אַרויף און אַראָפּ
זיך דעמאָלט אָן אויפהער געשטרעקט און געבוקט
און האָט שוין אַפילו אויף מיר ניט געקוקט.
מיין שעמעוודיק האַרץ האָט געוויינט, האָט גערעדט,
געציטערט צו אים, ווי אַ קינד אין געבעט,
און ער האָט געהאַקט אין דער לופט אַריין ווילד
און גלייך ווי פון זינען אַראָפּ זיך צעברילט.
— סער דזשאָן! — כ׳האָב זיך שיר ניט צעוויינט אויפן קול —
געפּרואווט האָב איך רופן אים עטלעכע מאָל.
מיין האַרץ — ווי אַ האַמער שוין האָט עס געקלאַפּט.
האָב איך נאָך געפּרואווט, פאַר אַ האַנט אים געכאַפּט, —
האָט ער מיך אַ שליידער געטאָן אָן אַ זייט,
אַ שטויס ביז כמעט צו דער טיר אַזוי ווייט.
דאָ האָב איך דערפילט, ווי מיין פרייד איז אַוועק
און וואָלקן-גרויס איז זיך צעוואַקסן מיין שרעק,
און גלייך ווי עס וואָלט דורך אַ כישוף געשען,
האָב איך מיט אַמאָל אויך אַ צווייטן דערזען
אַקעגן סער דזשאָנען, מיט בלוט אַרום מויל,
מיט גוליעס אויף ד׳אויגן, ווי צוויי שטיקער קויל,
און נאָכאַמאָל האָט אים, אַזוי ווי אַ שטיין,
געטראָפן סער דזשאָן מיט דער פויסט אין די ציין.
דאַביי האָט סער דזשאָן מיט די ציין אויך געקריצט,
און ס׳האָבן די אויגן ווי שפּיזן געבליצט,
און וואָרפן אויך האָט ער גענומען מיט רייד,
אַזוי ווי אַ גאַסן-יונג שיכורערהייט.
און דאָס האָט אַזוי ווי מיט צוואַנגען צעדריקט
דאָס האַרץ מיר אין לייב און מיין אָטעם דערשטיקט.
און שווער איז, ווי בליי, מיר געוואָרן דער קאָפּ,
ביז איך בין אַ פאַל געטאָן ערגעץ אַראָפּ.
און טונקל געוואָרן איז אַלצדינג אין שטוב,
אַזוי ווי אין וואַלד ערגעץ-וואו אין אַ גרוב.

און דאָ — ווי אַמאָל — האָב איך ווידער דערהערט
אַ ווילדן גאַלאָפּ, ווי פון זעלנער אויף פערד.
און שרייענדיק האָב איך ביים שטורקאַצן־שיין
דערזען אויך די גוים, וואָס זיינען אַריין
פון דרויסן מיט צלמים און העק אין די הענט.
דאַביי האָב איך אויך מיין סער דזשאַנען דערקענט.
ער האָט זיך מיט פויסטן געוואָרפן אויף מיר
און האָט מיך געשלעפּט ביי די האָר צו דער טיר,
און נאָכדעם — אַ פייער און איך אין דער מיט,
און ווייטער געדענק איך מער גאָרנישט שוין ניט.

ווען איך האָב די אויגן געעפנט, האָב איך
סער דזשאַנען דערזען ביי מיין בעט לעבן זיך,
און גאָרנישט מער, גאָרנישט מער האָט מיך געאַרט.
מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס זיצט און עס וואַרט
אַ פרעמדער אין שטוב, און עס שטעכט מיך, ווי גלאָז,
זיין בליק, וואָס איך זע. און איך וויים ניט פאַרוואָס
סער דזשאַן האָט געוויינט, און מיר האָט זיך געדאַכט
אַז עמעץ אַן אַנדערער וויינט אין דער נאַכט.
פון דרויסן — פון איבערן ים — קומט דאָס קול.
ביים ספר, ביים שיין פון אַ ליכט, ווי אַמאָל,
זיצט יענער און וויינט און עס רינען ביים שיין,
ווי בלוט, זיינע טרערן אין ספר אַריין.
און דעמאָלט, מיין מאַמע, האָב איך ווי צו דיר
געשטרעקט מיינע הענט, דיך געזוכט לעבן מיר.
דער ים אָבער האָט ניט געלאָזן דיך זען,
און גרויס ווי דער ים איז מיין עלנד געווען.

איך זאָג:

אַזוי ווי מען פֿילט צו אַ פּנים פֿון פֿייער פֿאַרברענט,
אַזוי ווי מען פֿילט צו אַ מענטש וואָס האָט אָרעמס אָן הענט, —
אַזוי פֿיל איך מיטלייד און עקל צום יידישן ווייב,
וואָס לאָזט פֿון אַ גויאישער האַנט זיך באַרירן דאָס לייב.
דריי מאָל שפּיי איך אויס ווען איך גיי פֿאַר אַ קלויסטער פֿאַרביי,—
ווען איך וואָלט געקאָנט וואָלט איך שפּייען מיט גליענדיק בליי
אויף קינדער, וואָס טראָגן אין זייערע בלוטן די זינד
פֿון יידישע טעכטער וואָס שלאָפֿן מיט גויאישע הינט.

מיין פּאָרטרעט

זומערשפּרענקלעך פֿיל ווי שטערן,
האָר געמישטע שוואַרץ מיט גרוי.
יאָ — אַז איך בין ניט קיין שיינער —
דאָס איז זיכער, שיינע פֿרוי.

ברייטע נאָז און טייוולסברעמען,
ציין און ליפּן וועלפֿיש ווילד;
אָבער אויגן האָב איך בלויע —
אויגן בלויע, גוט און מילד.

ס'האָבן מיינע פֿיס צום טאַנצן
ווייניק ווייניק וואָס טאַלאַנט —
און די גרויסע אויערן מיינע
הערן מוזיק ווי די וואַנט —

אָבער מיט אַ האַרץ וואָס האַמערט
זינג איך מיר, ווי מיר געפֿעלט.
און צום האַמער־טאַקט פֿון האַרצן
טאַנצט די גאַנצע שיינע וועלט.

האָט דער אָדלער פֿליגל גרויסע —
האָב איך ברייטע שטאַרקע הענט.
האָט דאָס לעבן קאַמף און ליבע —
האָב איך בלוט וואָס שרייט און ברענט.

III

בלאָנד און בלוי

גיי פאַרטרייב זיי...

אַז ס׳קומען לייט מיט בלאַטיקע און גרויסע פיס,
און פֿרעגן קיינעם ניט, און עפענען די טירן,
און נעמען אין דיין הויז ביי דיר אַרומשפּאַצירן
ווי אין אַ זנות-הויז ערגעץ אין אַ הינטער גאַס —
דאָ איז עס זיכער דאָך דעם האַרצנס שענסטער שפּאַס
אַ נעם צו טאָן אַ בייטש אין האַנט, ווי אַ באַראָן
וואָס לערנט זיינס אַ קנעכט גוט-מאָרגן זאָגן,
און פּשוט ווי די הינט זיי אַלע צו פאַריאָגן!

וואָס אָבער טוט מען מיט דער בייטש, אַז ס׳קומען לייט
מיט זאַנגען-בלאָנדע האָר און הימל-בלויע אויגן,
און קומען ווי די פייגל פלינק אַריינגעפלויגן,
און וויגן כלומרשט דיך אין שיינע טרוימען איין,
און גנבענען דערווייל זיך אין דיין האַרץ אַריין,
און טוען זינגענדיק די קליינע שיכלעך אוים,
און באָדן, ווי אין זומער-טייכלעך קינדער קליינע,
ביי דיר אין האַרצנס-בלוט די פיסלעך זיי׳רע שיינע?

R.—B.

פון וואַנען ווייסט מיין בלוט דערפון,
אַז בלאָנד איז ליכטיק ווי די זון?
פון וואַנען ווייסט מיין רויבער־בלוט,
אַז בלוי איז ווי דער הימל גוט?
מיין בלוט, וואָס רוישט און זינגט און לאַכט,
ווי אויסגעלאַסנקייט ביינאַכט; —
מיין בלוט, וואָס טאַנצט אַ שדים־טאַנץ
און פלאַקערט ווי אַ פייער־קראַנץ,
און וואַרפט מיט חוצפה, ווי מען וואַרפט
מיט מעסערס צוויי־שניידיק געשאַרפט.
ווי קומט אין אָט דעם בלוט אַריין
אַזאַ קאַפּריז פאַרבענקט צו זיין,
פאַרליבט צו זיין אין ווילד אַזוי
און דווקא נאָר אין אויגן בלוי,
און דווקא נאָר און דווקא נאָר
אין קינדיש־ליכטיק בלאָנדע האָר? —
אַהער, איר אַלע קלוגע לייט.
איך גיב אייך גאַנצע דריי טעג צייט.
אַ זאַק מיט רענדלעך אויפן טיש,
ווער ס'לייזט מיר אויף דאָס רעטעניש.

אַ מעשהלע

אוי שלאָג מיך ניט, קינד מיינס, כ'על אַנדערש ניט זיין —
מיך בעסערן איז שוין צו שפּעט —
מיין טאַטע איז אַן אמת-גוט-האַרציקער ייד
און איך האָב דאָס האַרץ פון אַ שד.

נו וויינסטו שוין ווידער, צי גלויבסטו מיר דען?
אוי נאַרעלע, נאַרעלע דו, —
אַ, הער בעסער צו — כ'האָב אַ מעשהלע, קום,
איך וועל עס דערציילן, הער צו.

געווען איז אַ קעניג אַן אַלטער אַמאָל,
געהאַט האָט אַ טעכטערל ער.
איר שיינקייט צו זען זענען ריטערלעך פאָלק
געקומען פון וויט- וויט אַהער.

די ליבע ביי איינעם געקילט האָט דער ים,
ביים צווייטן — זיין אייגענע שווערד.
אַן אַנדערן האָט מען אין מיטן דער נאַכט
ביים נאָמען זי רופן געהערט.

זיי זיינען געקומען פון איטלעכן לאַנד
מיט אוצרות, בריליאַנטן און גאָלד,
און פיל ס'האָט איר טאַטע געבעטן ביי איר —
זי האָט ניט קיין איינעם געוואָלט.

פאַרליבט אין אַ וואַלד-רויבער איז זי געווען,
ביינאַכט פלעגט ער קומען צוגיין, —
אַזוי ביז ער האָט זי גענומען מיט זיך,
געלאָזן דעם קעניג אַליין.

צעשיקט האָט דער קעניג פיל רייטער און לייט
באַוואָפנט מיט בויגן און פייל, —
דער רויבער דאָך האָט די פּרינצעסין געהיט
ביי זיך דאָרט אין וואַלד אין אַ הייל.

דאָרט האָט ער געקניט ביי איר בעט אַלע נאַכט,
געקניט און געזונגען זיין ליד —
דאָס ליד פון אַ שטורעמדיק רויבעריש האַרץ,
וואָס האָט זיך אין ליבע צעגליט.

און ווער ס'איז פאַרביי אין דער נאַכט דורכן וואַלד,
און ווער ס'האָט דאָס ליד ניט געהערט, —
דער האָט זיך געמוזט — ביז צום וויינען גערירט —
אַראָפּבויגן טיף צו דער ערד.

צי האָבן די רייטער געפונען די הייל
און וואָס ס'איז דאָרט ווייטער געשען?
סע הייסט אַז דער קעניג האָט קיינמאָל ניט מער
זיין קינד די פּרינצעסין געזען.

די פייגל דאָך האָבן דעם וואַלד־רויבערס ליד
צעטראָגן ווייט איבער דער וועלט. —
שוין זינגען דאָס אַלע, וואָס האָבן זיך ליב
אין שטאָט און אין דאָרף און אין פעלד.

שוין זינגען דאָס אַלע, וואָס האָבן זיך ליב
און וואונדערלעך איז מיר אצינד:
מיר טרוימט זיך אַז איך בין דער רויבער פון וואַלד
און דו ביסט מיין קעניגלעך קינד.

R.—B.

מיין לעבן איז אַ ווילדער וויסטער קריג,
און ווי די שיינקייט פון אַ פרילינגס-אָוונט
קומט דיין שטילקייט איבער מיר.
און רואיק ווערט מיין האַרץ
און גוט אַזוי —
אַז ס׳ווילט זיך אויסשטרעקן די הענט,
אַרומנעמען די גאַנצע וועלט,
און וויינענדיק דערציילן איר
פון יענעם טיפן, טיפן ווי,
וואָס האָט ביז איצט מיין האַרץ געקוועלט,
דאָס ווילדע האַרץ,
וואָס האָט נאָך דיר געבענקט —
אַזוי געבענקט.
ווי שיין ביסטו...
וואָס מער דו ועסט פאַרוואונדן מיר דאָס האַרץ,
אַלץ ריינער וועט מיין ליבע זיין צו דיר —
אַלץ הייליקער און ריינער וועט מיין ליבע זיין
צו דיר —
צו דיר...
ווי שיין ביסטו...
אַזוי האָב איך דיך שוין געטרוימט אַמאָל.
אַ טרוים איז שיין...
אַ טרוים, דאָס איז —
אַ ווייסער וואָלן-שוים אין מיטן ים —
אַ וואָלקן איינגעזוימט פון אָוונט-שטראַלן. —

אַן אָטעם פון אַ פרילינגס-ווינט —
אַ גלויבן פון אַ קינד. —
נאָר וואָס קאָן זאָגן מיר די שיינקייט
פון דעם שענסטן טרוים,
ווען דו — ווען דו, דאָס לעבן, שטייסט אַנטקעגן מיר?
ווי שיין עס רויטלט זיך דאָס בלאַסע פּנים דיינס.
דו האָסט מיך ליב...
דאָס זאָגט מיר אויס
דיין יעדער קערפּער-בויג, וואָס זינגט אַראָפּ פון דיר,
דיין יעדער אָטעם-צוג וואָס גלעט מיין האַרץ —
דאָס ווילדע האַרץ וואָס קען אויך אַנדערש ניט
ווי ליבן דיך. —
דו בייזע, דו —
ווי האַרציק גוט דו לאַכסט!
אַ קוש...
אין מיינע אָרעמס זאָלסטו לאַכן הויך און ווילד.
און זאָל מיין האַרץ דעם ציטער פילן פון דיין יונגער ברוסט.
דו שווייגסט?
איך ווייס וואָס דיר טוט וויי...
צו רייך איז דיר מיין האַרץ...
צו ווייט בין איך פון דיר,
דו קינד —
צי איז דער ים ניט רייך?
צי איז דער ים ניט ווייט?
און זע ווי שיין די כוואַליעס זיינע לאַשטשען זיך צום ברעג
ווי האַרציק-גוט
די כוואַליעס זיינע לאַשטשען זיך צום ברעג — אַ דו!

אומרו מיינע

ווער קען די שיינקייט פון אַ ים פאַרשטיין?
ווער קען די שיין פון דיינע אויגן זען?
און ניט צעריסן ווערן זאָל זיין האַרץ פאַר פרייד.
און ניט צעריסן ווערן זאָל זיין האַרץ פאַר לייד,
דו, אומרו מיינע, דו.

פאַרוואָס בענק איך אַזוי נאָך דיר, אַ זאָג,
עס גייט דאָך ניט אַוועק אַ נאַכט, אַ טאָג,
און נאָר איך טראַכט פון דיר, און נאָר איך טרוים פון דיר —
פון דיר, פון דיר, דו לעבן מיינס, דו האַרץ אין מיר,
דו, אומרו מיינע, דו.

אללאַ!

אין הימל הויך האָב איך געזען אַ שטערן שיינען,
זיין שיין איז ריין געווען ווי קלאָר־געלייטערט גאָלד.
עס האָט מיין האַרץ געטרוימט אַ טרוים אַ וואונדער־שיינעם,
איצט בענק איך נאָך אַ גליק, וואָס האָט ניט זיין געוואָלט...

אַ סולטאַן האָט אַמאָל אַרויסגעשיקט
אַ קאַראַוואַנע זון־געברוינטע זין צו זיין געליבטער.
אויף די קעמלען זיי׳רע האָט ער אויפגעלאָדן
קאַצן אויסגעניים פון לייב־ און טיגער־פעלן.
און קליידער אויך
מיט ליענטעס אויסגעוועבט פון שיין־געפאַרבטע פעדעס אַלערליי,
און שפּיגלען אויסגעשליפט פון ריינסטן דימענט־גלאָז,
און גאָלד־ און זילבער־וואַרג באַזעצט מיט איידלשטיינער
האָט ער אויף די קעמלען זיי׳רע אויפגעלאָדן.
האָט די קאַראַוואַנע זיך אַרויסגעלאָזן אויף דעם וועג צום מדבר,
האָבן שקלאַפן זיי אין וועג אַרוים באַגלייט
מיט פלייטן־שפּיל און צימבל־קלאַנג,
און יונגע שקלאַפינען מיט בלומען אין די לאָקן
האָבן זינגענדיק געטאַנצט פאַראויס דער מחנה,
און ער אַליין — דער סולטאַן, אַ פאַרטרוימטער האָט זיי נאָכגעקוקט,
ביז צווישן ערד און הימל איז דאָס לעצטע שאָטנבילד פון זיי
פאַרשוואונדן,
דערנאָך האָט ער צום הימל אויסגעשטרעקט די הענט:
— אַללאַ! —
עס האָט דאָס בלוט אין אַלע זיינע אָדערן געזונגען:
— אַללאַ! —

און לוסטיק ווי אַ קינד
איז ער צוריקגעגאַנגען אויף דעם וועג צום פּאַלאַץ.
— — — — — — — — — — — — — — — —
אַכט לאַנגע טעג האָט ער דערוואַרט אַן ענטפער.
אַכט לאַנגע נעכט האָט זיך צו אים קיין שלאָף גענומען.
און נאָכדעם — טאָג נאָך טאָג,
נאָך איידער ס'האָט די זון אין מזרח-זייט זיך אויפגעהויבן
איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף דעם וועג צום מדבר
און געוואַרט,
ביז וואַן עס האָט אין מזרח-זייט דער לעצטער אָוונט-שטראַל
זיך אויסגעלאָשן...
און לאַנג ווי אייביקייטן האָבן טעג און וואָכן זיך געצויגן
און ער האָט אַלץ געוואַרט...
און ווייט, העט ווייט אין מיטן מדבר
האָט אַ בערגל זאַמט זיך אויפגעהויבן,
און בייזע מדבר-ווינטן האָבן זאַמד נאָך מער געבראַכט צוטראָגן.
און איידער ס'איז אַ יאָר אַוועק
האָט זיך דאָס קליינע בערגל אויפגעהויבן צו אַ באַרג,
וואָס האָט מיט זיינע שפּיצן אָנגערירט די העכסטע וואָלקנס.

פון סולטאַנס פּאַלאַץ-פענצטער האָט מען שוין זיין הויך געזען...
און ער — דער סולטאַן, האָט נאָך אַלץ געוואַרט,
און ער האָט ניט געוואוסט
אַז די שלוחים זיינע ליגן אונטער יענעם באַרג באַגראָבן...
און בלינד געוואָרן זיינען זיינע אויגן פון געוויין...
און וויים ווי שניי געוואָרן זיינען זיינע האָר — — —

אין הימל הויך האָב איך געזען אַ שטערן שיינען,
זיין שיין איז ריין געווען ווי קלאָר-געלייטערט גאָלד.
עס האָט מיין האַרץ געטרוימט אַ טרוים אַ וואונדער-שיינעם,
איצט בענק איך נאָך אַ גליק וואָס האָט ניט זיין געוואָלט...

אַ שיקסל ביים ים

היי־היי, משה־לייב! — וואָס שטייסטו דאָ
אַזוי דערשטוינטערהייט?
דו קוקסט דאָך ווי עס קוקט אַ הונט
וואָס האָט געקויפט שיר פּאַר פרייד?

— דאָס קליידל רויט און ברוין די פּיס,
און זאַנגען־בלאָנד די האָר —
אַ שיקסל פון מיין זיידנס פעלד —
צו אַלדע גוטע יאָר.

דערזעלבער בליק, וואָס זאָגט דיר אויס —
איך גיב זיך נאָך, ווי וואָל!
אַ שיקסל פון מיין זיידנס פעלד —
אַ קרבן פון אַמאָל.

— אַ וועלט מיט קאָרן, ווייט און ברייט,
אַ זומער־זון, וואָס ברענט;
און ווי די זון — אַ פייערדיקס
איר לייב אין מיינע הענט.

— וואָס רייסטו זיך, דו טייוול דו?
וואָס שרעקסטו זיך פאַר מיר?
אַ גאַנצן גולדן זילבער געלט
האָב איך געבראַכט פאַר דיר.

— וואָס טו איך מיט דיין געלט, פאַניטש?
דו גראָבסט דאָך מיר מיין גרוב!
די מאַמע וועט מיך הרגענען —
אַרויסטרייבן פון שטוב.

— די מאַמע וועט דיר גאָרנישט טאָן,
עס איז נישטאָ קיין זינד!
דער אַלטער גלח נאַרט דיך אָפּ —
דער בושל ברענגט אַ קינד.

און כאָטש זי האָט געראַנגלט זיך,
געוויינט און זיך געשעמט —
האָט דאָך איר האַרץ, ווי פייער שיר,
געשרפט דורכן העמד.

— פאַניטש־פאַניטש! — האָט זי געוויינט,
און איך האָב זי געגלעט,
ביז זי האָט מיך געהאַלדזט, געקושט
און גאָרנישט מער גערעדט.

און כאָטש איך רעד מיר שיר ניט איין,
אַז ערשט איז דאָס געשען,
איז מיר דאָך קלאָר אַז כ׳האָב קיין פעלד
צען יאָר שוין ניט געזען.

— צען יאָר, משה־לייב, צען גאַנצע יאָר —
ווי גיך דאָס לעבן שווינדט.
ווי וואַסער פון אַ טאָפּ, וואָס פּלאַצט,
צעשפּרינגט עס און צערינט.

אַ שיף גייט אָפּ, בלייבט איבער כאָטש
אַביסל רויך מיט שוים,
צען יאָר פאַרשווינדן ווי אַ קאַץ,
וואָס איבערשפּרינגט אַ צוים.

ניט זיין שיקסל

משה-לייב, משה-לייב,
ס'איז ניט פון זיידנס פעלד דאָס שיקסל, וואָס דו זעסט.
פון וואַנען דען? פון הי.
דאָס הייסט — אַ פויגעלע פון אַ בראָדווייער נעסט
איז זי? — — — —
קאָן זיין.

און אפשר גאָר
איז זי אַזאַ וואָס טאַנצט די האָנאָלולו-טענץ
אין קוני-איילאַנד דאָ.
און אַלע נאַכט באַוואַרפט מען זי מיט גאָלד און קרענץ —
אַ-יאָ?
קאָן זיין.

און אפשר גאָר
האָט זי אַ מאַן אַ לאָרד, וואָס טראָגט אַ ווייסע באָרד,
און וואוינט אין אַ האָטעל,
וואו שטייף, ווי וואַקס-פיגורן, שטייען די דינער דאָרט
ביים שוועל? — — —
קאָן זיין.

אויב יאָ אַזוי,
פאַרוואָס-זשע קומט דער לאָרד ניט אויך אַהער צוגיין?
פאַרוואָס? וואו איז ער וואו?
צי איז ער אויך אַליין, משה-לייב? אַזוי אַליין
ווי דו? — — —
קאָן זיין.

אַ גוטער חלום

איז דער הימל אויבן
אַזוי בלוי און גרויס,
שטרעקט אין זאַמד אַ מידער
משה־לייב זיך אויס.

חלומט משה־לייבן,
אַז מען קומט מיט שטריק —
און מען כאַפּט און מען שלעפּט אים
אין דער שטאָט צוריק.

קומט צופליען אַ מלאך
און צעשפּרייט די הענט,
צינדט זיך אָן אַ פייער —
ווערט די שטאָט פאַרברענט.

ווערט די שטאָט צעשוואומען,
ווי אין ווינט אַ רויך;
זעט אויך משה־לייב זיך
פליען אין דער הויך.

איז ער אויבן זיכער
ווי אַ פיש אין טייך;
איז ער דאָך אַ מלאך
מיט מלאכים גלייך.

הויבט ער אָן צו זינגען
און צו לויבן גאָט, —
וואָס ר׳האָט זיך דערבאַרעמט
און פאַרברענט די שטאָט.

זשום-זשום-זשום

שלאָפֿט משה־לייב ווי אין אַ וויג,
פֿליט אַרום זיין נאָז אַ פֿליג.
פֿליט די פֿליג מיט זשום-זשום-זשום,
ווי אַ בין אַרום אַ בלום.
דאַכט זיך אים, אַז שטילערהייט
ווייזט מען אָן אויף אים מיט פֿרייד
און מען זאָגט אַז גאָר אין לאַנד
איז נישטאָ אַזאַ טאַלאַנט.
קוקט ער כלומרשט ערגעץ העט,
גלייך ער הערט ניט וואָס מען רעדט.
נעמט זיך שוין די פֿליג פֿאַר דאָס
און זי זעצט זיך אויף זיין נאָז.
דאַכט זיך אים, אַז צו זיין קאָפּ
בויגט זיך עמעצער אַראָפּ
און ער זאָגט, אַז גאָר אויף דר'ערד
איז נישטאָ אַזאַ מין פֿערד.
וויל ער — ווער דאָס איז — דערגיין,
הערט ער ברומען זיך אַליין...
גיט ער זיך אין נאָז אַ קראַץ
און ער טראַכט זיך, אַז ס'איז שוואַץ,
און ער גיט אַ גענעץ אויך,
און ער לייגט זיך אויפֿן בויך.

MEMENTO MORI

און אַז משה־לייב, דער פּאָעט, וועט דערציילן,
אַז ער האָט דעם טויט אויף די כוואַליעס געזען,
אַזוי ווי מען זעט זיך אַליין אין אַ שפּיגל,
און דאָס אין דער פרי גאָר, אַזוי אַרום צען —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה־לייבן ?

און אַז משה־לייב האָט דעם טויט פון דער ווייטן
באַגריסט מיט אַ האַנט און געפרעגט ווי עס גייט ?
און דווקא בעת ס׳האָבן מענטשן פיל טויזנט
אין וואַסער זיך ווילד מיט דעם לעבן געפרייט —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה־לייבן ?

און אַז משה־לייב וועט מיט טרערן זיך שווערן,
אַז ס׳האָט צו דעם טויט אים געצויגן אַזוי,
אַזוי ווי עס ציט אַ פאַרבענקטן אין אָוונט
צום פענצטער פון זיינס אַ פאַרהייליקטער פרוי —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה־לייבן ?

און אַז משה־לייב וועט דעם טויט פאַר זיי מאָלן
ניט גרוי און ניט פינצטער, נאָר פאַרבן־רייך שיין,
אַזוי ווי ער האָט אַרום צען זיך באַוויזן
דאָרט ווייט צווישן הימל און כוואַליעס אַליין —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה־לייבן ?

אָוונט־רו בײַם ים

I

און בענקסטו מענטש אַוועקצוגיין אַמאָל
ווייט ווייט פון אַלץ,
פון זיך אַליין, —
פאַרלאָז די שטאָט און גיי צום ים אַרויס,
ווען ס'נעמט דער טאָג פאַרגיין.
און אויפן זאַמד ביים ברעג און לעבן דיר
זאָל זיצן בלאָס און מיד אַ מיידל, ווי אַ קינד,
וואָס איז דאָ פרעמד ווי דו,
און קומט אַ נאַכט אַראָפּ אַזאַ ווי דאָ אַצינד, —
שווייג שטיל —
פאַרנעם איר מידקייט, וואָס זינגט
פאַרנעם די כוואַליע אויך וואָס פאַלט און קלינגט
און טראַכט —
די כוואַליע קלינגט צום ריטם פון דעם ליד,
וואָס טראָגט אין זיך די בענקשאַפט נאָך אַ לאַנד,
וואו אייביק בלאַנדזשען וואַיענדיקע וועלף
מיט ווינטן זאַלבענאַנד

אויף סטעפּעס ווייסע, ווייטע, פריי אָרום;
און טראַכט
אַז אפשר אויך הענגט איינער אויף אַ בוים
דאָרט ערגעץ־וואו
און וויגט זיך אין דער הויך
אַזוי אַהער, אַהין צום ריטם פון דעם ליד,
וואָס קלינגט דאָ לעבן דיר.
און אפשר איז דער טויטער דאָרט, וואָס הענגט
פיל נענטער צו איר,
ווי דו דער מענטש
אויף וועמעס אַנגסטלעך האַרץ עס ליגט איר קאָפּ אַצינד.
שוייל שטיל.
ניט פרעג.
דער ים איז טיף,
און ווי דער ים, איז טיף און בלינד
די בענקשאַפט אין אַ האַרץ ביים ים.
שוויַיג שטיל און גיי ווי זי צוריק
דעם וועג אַהיים.
דו האָסט דאָך אויך געהאַט אַמאָל אַ קינדער־וויג,
געזונגען אויך האָט ביי דיין וויג אַ מאַמע דיר
דאָס אַי־ליו־ליו.
אַ האַרץ ביים ים וויל אייביקייט,
אַ האַרץ ביים ים וויל רו,
וויל טיפע, טיפע רו.

II

און אייביק זינגט דער ים דאָס אַלטע ליד
און ווערט דאָבײַ נישט אַלט,
און זע די וואַל, וואָס פאַלט צום ברעג דאָ צו —
זי שוימט
און רוישט
און פאַלט.
פון וואַנען קומט זי איצט?
זי שוימט און רוישט און פאַלט און שווימט אַוועק,
פאַלט צו אַ צווייטע וואַל,
פאַלט צו אַ דריטע וואַל צום זעלבן ברעג.
און יעדע וואַל וואָס קומט, שוימט און רוישט
און שווימט אַוועק פאַרשטומט.
און זע דעם מענטשנס וועג —
אַ דור פאַרגייט,
אַ דור אַ צווייטער קומט.
און רגעס פאָרן זיך
און מערן זיך —
עס ווערן נעכט און טעג
און קינדער וואַקסן אויף
און אַלע גייען אויף דעמזעלבן וועג.
אַ יאָר און הונדערט יאָר און דאָ — דער ים.

ווען איז ער ניט געווען?
ווי דו אצינד
האט ער מיט טויזנט יאר צוריק די וועלט געזען;
ווי דו אצינד
איז אפשר אויך ביים ברעג
געזעסן מאט און מיד א מענטש,
וואס האט זיך איינגעהערט ווי דו
אין אט דעמזעלבן ליד
און האט ווי דו געבענקט.
און אפשר אויך האט דעמאלט, ווי אצינד,
א פאס לבנה-ליכט דעם ים באשיינט
און אויך דער אונט-ווינט האט זיך באוואויגן לייכט
און ער, דער מענטש,
דאס הארץ פול לייד און פיין,
האט שטיל ווי דו געטראכט
וואס שפעטער צו — אין טויזנט יאר וועט זיין.
און אפשר אויך ווי דו געטרוימט,
אז ערגעץ-וואו מוז זיין א לאנד
וואו אייביק וואגלען אויף א ים פון זילבער-וואלן
האנט אין האנט
די ליבע און די רו — — — —
אין מאנטלען ליכטיקע,
ווי אויסגעוועבט פון שטערן-גאלד,
די ליבע און די רו.

רינגל־רינגל־ראָד

מיין יונגן רבינס שיינע פרוי, —
ווער זיפץ ביי דיר אין קאַמער דאָרט?
ווער וויינט, ווער וויינט אַזוי?

דער קעניג רייט, דער קעניג רייט
און אַרום קעניג שטאָלץ און שיין
פיל־הונדערט גרויסע לייט,
פיל הונדערט גרויסע לייט.

אָ, קעניגין, מיין שיינע פרוי, —
ווער זיפצט ביי דיר אין קאַמער דאָרט?
ווער וויינט, ווער וויינט אַזוי?

אַ יעגער רייט אין וואַלד אַרום,
דער יעגער זינגט און איך בין יונג,
דער קעניג איז שוין אַלט,
דער קעניג איז שוין אַלט.

אַ וואַלד־קינד דו, און יעגערס־פרוי, —
ווער זיפצט ביי דיר אין קאַמער דאָרט?
ווער וויינט, ווער וויינט אַזוי?

פאַרכישופט האָט אַ ווייב פון שטאָט —
אַ יידיש ווייב — מיין שיינעם מאַן.
באַשטראָף זי, ליבער גאָט.
באַשטראָף זי, ליבער גאָט.

אַ שילט ניט, שילט ניט, יעגערס־פרוי, —
ווי דו איז עלנט יענע אויך,
זי וויינט, ווי דו אַזוי.

דער קעניג רייט, דער קעניג רייט
און אַרום קעניגס שטאָלץ און שיין
פיל־הונדערט גרויסע לייט,
פיל־הונדערט גרויסע לייט.

סאַלאָמע

ווי קאָן דאָס זיין אַז דו ביסט מער ניט מיין? ווי קאָן דאָס זיין?
פאַרשיכורט ווערט דאָך יעדעס מאָל פון גליק דאָס האַרץ אין מיר,
יאָ יעדעס מאָל, דו קליינטשינקע, ווי נאָר איך טראַכט פון דיר.
און שטענדיק, שטענדיק מאָלסטו זיך פאַר מיינע אויגן אויס
ווי לעצטנס, פאַרן גיין צום באַל... געדענקסט? ביי דיר אין הויז
אָט זע איך דיך: אַ בלומען־קראַנץ באַצירט דיין יונגן קאָפּ,
און פריי־צעלאָזטע הענגען דיינע האָר, לאַנג־לאַנג אַראָפּ.
טריקאָ געוועבט אין פורפור־רויטן זייד, ליגט ענג און פעסט
צו יעדער גלידער־בויגונג פון דיין קערפּער צוגעפּרעסט.
עס פאָלבט זיך אויף דיין ברוסט אַן אָריענטאַליש פאַרבנבאַנד.
און אויף דעם באַנד ליגט ציטערדיק דיין קליינע ווייסע האַנט.
עס וויקלט זיך אַ שוואַרצער זיידן־טול אַרום דיין שויס.
אין מיטן אויף דעם טול — אַ רויז. אַ קליינע רויטע רויז.
און דיינע ביידע קליינע פיסלעך אויף סאַנדאַלן צוויי,
וואָס האַלטן זיך מיט שמאָלע גאָלדנע רימענטלעך אויף זיי.
און הויך, גאַנץ אויבן אויף דער רונדונג פון דיין רעכטן פוס
גלאַנצט העל אַ ברייטער רינג. אַ רינג פון ריינעם זילבער־גוס,
עס וויקלט זיך אַ שלאַנג אַרום דיין לינקן פוס — אַרויף,
עס הויבט די שלאַנג, ווי לעבעדיק, צו דיר, איר קעפּל אויף
און אַלע זיבן פאַרבנרייכע שלייערן אויף דיר
באַוועגן זיך, ווי וואָלקנס לייכט, ביי דיינס אַ יעדן ריר.

און שיין ביסטו — דאָס גיב איך צו — ווער קען נאָך שענער זיין?
גרויסאַרטיק ליגט דער טאַנץ־קאָסטיום — עס פּאַסט דיר אמת־פיין.
נאָר לאַכן מוז איך דאָך... נו זע אַליין: סאַלאָמע?! דו? —
אַ קינד, אין וועמעס אויג עס ליגט אַזוי פיל שיינע רו;
אַ קינד, וואָס בויגט דעם קאָפּ אַרונטער און פאַרשעמט זיך גאָר —
און אַלט איז דאָס, סך־הכל אפשר גאַנצע אַכצן יאָר —
און איך — איך האָב דאָס גליק צו זיין דער גרויסער העלד אַצינד,
וואָס ברענגט צום באַל „אָריענט" סאַלאָמען מיט... איאָ, מיין קינד?...
האַ־האַ! ווי גרויס עס ווערט מיין פרייד, ווען איך דערמאָן זיך, דו —
ווי האַרציק שיין און אומשולדיק דו שפּרינגסט צום שפּיגל צו
און שטרעקסט דעם לינקן פוס צוריק, דעם רעכטן פוס פאַראויס
און בויגסט זיך דאַן ווי שטאַרק דו קאָנסט נאָך הינטערוויילעכטס אויס,
דאָס פּייקל אין דער רעכטער האַנט, די לינקע הויבסטו אויף
און לייגסט זיך, שוועבענד, אויף דעם בלומען־קראַנץ פון קאָפּ אַרויף,
און בלייבסט אַזוי אַ קורצן אויגן־בליק ביים שפּיגל שטיין — — —
דאַן קייקלט זיך אַרויס אַ קלאַנג פון גלעקלעך זילבער־ריין, —
דער שענסטער האַרציקסטער געלעכטער פון דיין יונגער ברוסט.
איך קוק אויף דיר און וואַנזיניק בין איך פון פרייד און לוסט.
איך קוק אויף דיר און אַלעם וואָס איך טראַכט איז איין געדאַנק:
איך טראַכט פון יענער שרעקלעכער סאַלאָמע, יענער שלאַנג,
צו וועמען נזיר יוחנן האָט מיט זיין קאָפּ באַצאָלט,
און בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט איר אַ קוש טאָן ניט געוואָלט.
איך טראַכט: אויב זי — דאָס ליידנשאַפטלעך ווילדע קעניגס־קינד —
איז שיין געווען, אַזוי געוואַלטיק שיין, ווי דו אַצינד, —
דאַן איז דער נזיר יוחנן אַ גרויסער נאַר געווען —
דער גרעסטער אפשר וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזען!
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

ווי גלויב איך דאָס דו האַרציק־קליינטשינקע געליבטע מיין,
ווי קאָן דאָס זיין, אַז דו ביסט מער ניט מיין? ווי קאָן דאָס זיין!

רויטער רעגן

בענק און טרינק און הוליע אין חברים־רינג
און הירזשע ווי אַ פערד,
און שפּרינג,
און וואַרף זיך צו דער ערד,
און לאַכן זיי, איז — פּלאַץ פון וויי.
און הויב זיך אויף און לאַך מיט זיי,
און הויך, ווי פון אַ וויסט־באַטרונקענעם,
זאָל קלינגען דיין געלעכטער.
אוי, סאַראַ זוערט עס האָט דאָס גאָט־פאַרדאַמטע לעבן,
הע־הע־הע!

איר קוקט מיך אָן. איך בין באַטרונקען, יאָ?
און דאָ דאָס האַרץ — איר זעט?
אַ וועלט האָב איך פאַרשפּילט, אַ וועלט.
איר ווייסט ווי בלויע אויגן זעען אויס?
און בלאָנדע האָר האָט איר געזען אַמאָל?
צי שיין איז זי געווען?
חכמים איר, —
הויבט אויף די אויגן צו דער זון — איר קאָנט?
הע־הע, אַ מעשה פאַלט מיר איין:
עס האָט אַמאָל אַ מענטש געהאַט אַ האַרץ,
וואָס האָט אין מיטן העלן טאָג אים אָנגערעדט
ער זאָל אַרויפקריכן צום העכסטן שפּיץ פון באַרג
און אָנשטעלן די אויגן צו דער זון.
זיין שטראָף? —
נאָך איידער ס׳איז דער טאָג אַוועק
איז בלינד געוועזן דער מענטש. — — —

און אַז דער מענטש האָט בלינדערהייט
אַ ברום געטאָן, ווי אַ צערייצטער בער,
און איינגעגראָבן מיט די נעגל זיך
אין אייגן לייב אַריין,
און אַז ער האָט אַרויסגעריסן שוין
דאָס שטיקל האַרץ, משטיינס געזאָגט,
וואָס האָט אים אָפּגענאַרט —
איז וואָס געשען?
זיין בלוט, וואָס האָט אַראָפּגעשפּריצט ביז טיף אין טאָל אַריין,
געווען איז דאָס פאַר קלוגע לייט — אַ רעטעניש.
פאַר פרויען גוט און פרום — אַ וואונדער.
און קינדער האָבן אין די הענט געפּאַטשט,
און טאַנצנדיק געזונגען האָבן זיי:
אַ רויטער רעגן גייט,
אַ רויטער רעגן,
אַ רויטער רעגן גייט,
אַ רויטער רעגן.
נו, שטייט איר דאַ און קוקט מיך אָן ווי קעלבער.
איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן.
זיבן מענטשן־לעבנס אין אַ רינג,
דריי פון מין „דער מאַנספאַרשוין",
וואָס זעען אויס ווי געטשקעס אויף די קלויסטער־ווענט,
און פיר מיט בוזעמס הויך און ברייט —
געשעפטס־פירער פון אונדזער פירמע „ליבע",
גראַציעז!
אַנטשולדיקט, מיינע דאַמען, מעג איך פרעגן?
ווי פאַרקויפט איר אייער וואַרע —
פער וואָג? פער מאָס?
און גיט איר בלויע אויגן אויך דערצו?
און בלאָנדע האָר?
אוי, סאַראַ ווערט עס האָט דאָס גאָט־פאַרדאַמטע לעבן!
העדהעדהע. — — —
ווער פון אייך עס האָט אָן אונטערקלייד אַ ריינס,
קאָן גיין מיט מיר.

מאַדאַם —

מאַדאַם, אויב איר הייסט מיך אוועקגיין פון אייך,
זייט זיכער, איך גיי — נאָר אין טייך אַריין גלייך.
איר ווייסט דאָך, ווי הויך ס'איז די וויליאַמסבורג־בריק.
איך שפּרינג פונעם שפּיץ, און איך ברעך דאָס גניק.
דאַן וועט מען אין וואַסער די בלעזלעך נאָר זען,
וואָס וועלן דערציילן אַ מענטש איז געווען,
און נאָכדעם מער גאָרנישט. די וואָך פון געזעץ
וועט אפשר אַ פּייף טאָן — דערשרעקן די קעץ,
וואָס בלאָנדזשען אַרום אויפן בריק אין דער נאַכט.
וועט אפשר אַ מענטש אויך, וואָס זיצט דאָרט און טראַכט,
זיך פּלוצעם אַ כאַפּ טאָן ביים ליסענעם קאָפּ,
וואָס גלאַנצט פון דער ווייט, ווי אַ קופּערנער טאָפּ.
און עפּענען ווילד וועט ער אויגן אין מויל
און שעפּטשען: „אַך, פּייפן זיי דאָס. סאַראַ גרויל!"
דערווייל וועט אַ פיש־דעפּוטאַציע שוין
עמפּפאַנגען מיך אונטן, מיר אָנטאָן אַ קרוין
פון גאָלדענע שופּן מיט פּערל באַצירט.
און נאָכדעם וועט קומען, פראַנצויזיש פריזירט,

אַ מוידל האַלב-פיש — זיך צעקושן מיט מיר
און אויפרייסן וועט זי אַ גלעזערנע טיר
און אויסרופן הויך: אין אַ גליקלעכער שעה
מיין טייערער חתן משה-לייב איז שוין דאָ!
נאָר באַלד וועט שוין וואו ביים אַטלאַנטישן ברעג
אַ פישער צעעפענען די אויגן מיט שרעק.
און מאָרגן מיט זונאויפגאַנג וועט שוין אַ בלאַט
דאָ ברענגען די נייעס רעפּאָרטעריש-גלאַט:
„אַ פישער אין איקס האָט ניט ווייט פונעם ברעג
געפונען אַ מענטש מיט אַ רויט-בלויען פלעק
אויפן סאַמע שפּיץ-נאָז" — און איינפאַלן וועט
קיין איינציקן ניט, אַז דאָס איז אַ פּאָעט,
וואָס האָט מיט אַ דאַמע ביים ווין ראָמאַנסירט,
און זי איז דאָס די, וואָס האָט איבערגעפירט
זיין נאָז מיט אַ בים. און דערפאַר האָט ער זיך
אויף מעסערס צעקריגט, און מיט הויזן און שיך
זיך געוואָרפן אין ים. אַך, ווי אמתדיק פיין
און ווי קינסטלעריש-אָריגינעל דאָס וואָלט זיין,
ווען דאָס וואָלט באמת געשען! — טוט מיר לייד.
איך בין צו אַ קונסט-שטיק אַזאַ נאָך ניט גרייט.
און ים-וואַסער האָס איך דערוויילַ נאָך ווי סם.
און אויב איך פאַרבענק זיך אַמאָל נאָך אַ ים,
איז העכסטנס נאָך יענעם, וואָס שפּרייט זיך פאַר מיר
אין היינישער „נאָרד-זעע" אויף ביבל-פּאַפּיר.
און איבריקנס, זענט איר, מאַדאַם, פיל צו שיין,
און ס'איז אַ געפאַר אייך צו לאָזן אַליין,
טאָ קומט, זייט ניט ברוגז. פילט אָן מיר דאָס גלאָז — — —
עס טוט מיר דאָך ווי, אַז מען בייסט מיר אין נאָז.

אין סאַבווײ

אַמאָל פּלעגט מען שלאָגן מיט בייטשן, דעם שקלאַף אויף דער קייט.
היינט זענען, ווי בייטשן געפאַלן אויף מיר דיינע רייד.
איצט האָמערט מיין אומרו אין מיר אַזוי בייז, אַזוי שווער.
אַזוי ווי דאָס אייזערנע רעדער-געררויש וואָס איך הער.
און גליענדיק ברענט אין די אָדערן מיינע דאָס בלוט,
אַזוי ווי די שאַרפע עלעקטרישע גלי-לאָמפּן גלוט
וואָס ברענט אין וואַגאָן אָט-אָ-דאָ איבער דיר, איבער מיר.
איין סטאַנציע נאָך און איך וועל זיך געזעגענען מיט דיר.
אַ בויג טאָן זיך וועל איך. אַ קריץ טאָן ווי איצט מיט די ציין,
און יאָגן זיך וועל איך דורך נאַכט, און דורך גאַסן אַליין,
ביז אַלץ וואָס כ׳על זען וועט זיין רויט, ווי אַן אָפענע וואונד.
און ביז ס׳עט מיין וויטיק מיר זינגען דאָס ליד פון אַ הונט,
וואָס האָט אין אַ גאַס, אין ביינאַכטיקן רויש פון דער שטאָט,
פאַרלוירן אַ מענטש, און מיט אים אויך זיין הינטישן גאָט.

אַ מאָדנע מחשבה

אַ מאָדנע מחשבה: איך קוק אויף דער פּען
און קוק אויף מיין האַנט, ווי זי שרייבט, און מיר דאַכט,
אַז איך בין געשטאָרבן אין היינטיקער נאַכט.

געשטאָרבן אָט־דאָ ביי דער גויע אין הויז,
און מער ניט — די פּען איז געבליבן פון מיר,
אַ פּען און אַ ליד אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

דאָס ליד איז פּילייכט נישט דערענדיקט געווען,
וואו איז עס? עס ליגט אויף דער שוועל פאַרן הויז,
עס איז מיטן ווינט דורכן פענצטער אַרויס.

און מאָרגן — קען זיין, דו וועסט קומען צוגיין
און טרעטן וועסטו אויף מיין ליד מיט דיין פוס,
און וואָרטן פון פענצטער זאָל קומען מיין גרוס.

און בייז ווערן וועסטו און שילטן פּילייכט,
און לאָזן מיר וועסטו אַ צעטל אין טיר,
אַז די וועסט שוין קיינמאָל ניט קומען צו מיר.

ווי אַ גאָלדן זעגל-שיפל

ווי אַ גאָלדן זעגל-שיפל
אין אַ ים אַ ליכטיק-שטילן —
האָט מיין גליק זיך אָפּגעשפּיגלט
אין דיין ליבע, — שיינע פרוי.

אָבער ווי אַ קליינער שיפס-יונג,
ווען זיין קאַפּיטאַן איז פּלוצים
אויפן מיטן ים געשטאָרבן, —
וויינט מיין הארץ אַצינד.

ווי דער שיפס-יונג, בלינד אין ים-וועג,
איינזאַם צווישן ים און וואָלקנס,
וויינט מיין הארץ.

לאַדושקאַ

I

היי, לאַדושקאַ, היי, דו ציגיינעריש ווייב,
ווער רויבט מיר דעם טריפהענעם רייץ צו דיין לייב?
ווער איז דאָס וואָס האַלט ווי מיט קייטן מיך צו?
צי אויך אַזאַ בלוט אַזאַ הינטיש ווי דו?
היי, לאַדושקאַ?

— אַ נאַרישע ליאַלקע פון זיבעצן יאָר,
אַ בתולה אַ פרומע מיט פלאַקסענע האָר.
זי ווייזט דיר איר ליבע ווי צוקער אַ שטיק
און פירט דיך אַזוי ווי אַ בער אויפן שטריק
און היידאַ און היידאַ און דזין און דזין-דזין,
צום טאַקט פונעם פייקל אַהער און אַהין,
צום טאַקט פונעם פייקל אַהין און אַהער.
האַ-האַ! משה-לייב איז געוואָרן אַ בער.
האַ-האַ-האַ!

היי, לאַדושקאַ, טייערס, די צונג ביים דיר אָפּ
און וואַרף זיך פון זיבעצנטן גאָרן אַראָפּ
און ווער מיר געהרגעט, דו הינטישע פעל, —
דו ליגסט דאָך אַזוי ווי אַ שמאַטע ביים שוועל
אונטער יעדן סאָלדאַט —
אַ פייער אויף דיר!

II

זאָל לאָדושקאַ לאַכן, צעזעצט זאָל זי ווערן, —
עס מעג דאָך אַ ביל טאָן אַ הונט אויף אַ שטערן,
עס מעג דאָך אַמאָל פון אַ קוימען דער רויך
ניט ליידן די זון איבער זיך אין דער הויך.

זאָל לאָדושקאַ לאַכן, ניט שרעק זיך, מיין קינד, —
מיין ליבע פאַר דיר און אַ שטעקן פאַר הינט.

פאַר לאָדושקאָן — ווער וועט די קני זיינע בויגן?
אַ יונג מיט קאַרטאָפליעס אין פּנים שטאָט אויגן,
אַ הולטיי אָן אַלטער, וואָס מוז שוין די קני
מיט אַלקאָהאָל רייבן ביינאַכט, אין דער פרי.

זאָל לאָדושקאַ לאַכן, ניט שרעק זיך מיין קינד, —
מיין ליבע פאַר דיר און אַ שטעקן פאַר הינט.

איר מויל איז אַ זומפּ און די רייד זענען זשאַבעס,
פאַרשימלט די ליפּן, ווי אַלטע צוויי שקראַבעס,
צוויי שקראַבעס וואָס וואַלגערן זיך אויפן מיסט.
פאַר לומפּן אַן אוצר, וואָס גיט זיך אומזיסט.

זאָל לאָדושקאַ לאַכן ניט שרעק זיך מיין קינד, —
מיין ליבע פאַר דיר און אַ שטעקן פאַר הינט.

דעם בעטלער — אַ טרונק מיט אַ וואַרעמען ביסן,
אַ שטריק פאַר דעם נאַר מיטן בייזן געוויסן,
פאַר העלדישע שונאים אַ פויסט מיט אַ שפּיז,
פאַר ווייבער, פאַר פאַלשע, אַ קייט אויף די פיס.

זאָל לאָדושקאַ לאַכן, ניט שרעק זיך מיין קינד, —
מיין ליבע פאַר דיר און אַ שטעקן פאַר הינט.

III

איר בוזעם פאַרוואָס פוצט זיך לאַדושקאַ אויס
און דווקא מיט בלומען ווי קירביסן גרויס?

ווייל גיפּטיק ווי קראָפּיווע ברענט אין איר ברוסט
דאָס פייער פון אייביק-ניט-זעטיקער לוסט;
און דאָרט, וואו עס דאַרף זיין דאָס האַרץ, אויף דעם אָרט
פאַרדעקט זי אַ שלאַנג, וואָס זי האָדעוועט דאָרט.

וואָס ציט אַזוי לאַדושקאַ צו מיט איר הוט,
אַז רויט איז ער, ווי אַ געפאַרבטער מיט בלוט?

— דער אָקס דער צעווילדעטער זעט ניט דעם טויט,
וואָס לויערט פון הינטער דעם טוך וואָס איז רויט;
ער זעט ניט דאָס מעסער וואָס בליצט אין דער האַנט
פון הינטער דעם טוך, וואָס מען שווינגט נאָכאַנאַנד.

IV

דו שלאָפסט אין אַ הויז מיט די פענצטער צום ים,
ביי לאַדושקאַן שלאָפט אַ ליידאַק,
און איך בין אַליין ווי אַ תליון, וואָס שאַרפט
זיין שטומפּיק-געוואָרענע האַק.

די האַק וועט אַ בליץ טאָן פאַרטאָג אין דער הויך, —
וועט פאַלן אַ בלוטיקער קאָפּ,
און ציטערדיק וועלן מאַנאַשקע און פּריסטט
זיך בויגן נאָך טיפער אַראָפּ.

דער פּריסט איז שוין אַלט, די מאַנאַשקע איז יונג,
און לאַנג איז און טונקל איר קלייד,
און לאַנגזאַם, אַזוי ווי געקומען, וועט זי
אַוועקגיין געבויגענערהייט.

און פאַלן די האַק וועט ביים תליון פון האַנט,
אַזוי ווי דער קאָפּ צו דער ערד,
און בלוטן, אַזוי ווי דער קאָפּ, וועט זיין האַרץ
און קלאָגן פון קיינעם געהערט.

V

אַ קמצן האָט געציילט זיין געלט,
האָסטו געבעטן גאָט פאַר מיר, —
האָט ווי אַ וועכטער פאַר דער טיר
מיין שאָטן זיך אַוועקגעשטעלט,
מיין שאָטן אין לבנה־שיין —
געבענטשט זאָלסטו מיר זיין!

געוואָלט האָב איך אַריין אין שענק,
האָסטו געבעטן גאָט פאַר מיר, —
האָב איך אַ טראַכט געטאָן פון דיר.
איצט בלאָנדזשע איך אַרום און בענק,
פאַראיינזאַמט אין לבנה־שיין
געבענטשט זאָלסטו מיר זיין!

VI

גיי וועש וואַשן, מיידל, גיי ניאַנטשען אַ קינד,
פֿאַרדינג זיך צו פֿירן אַ מענטש וואָס איז בלינד,
פֿאַרדינג זיך פֿאַר וואַסער מיט טרוקענעם ברויט,
תּכריכים גיי נייען פֿאַר דעם וואָס איז טויט,
זיי אָרעם, זיי עלנט אַזוי ווי אַ שטיין, —
נאָר היט זיך און גאָט זאָל דיך היטן
אויף לאַדושקאַס וועגן צו גיין.

און מוז מען צונויפֿמאַכן דיר דעם נדן,
און גיט מען דערפֿאַר דיר אַ קאַליקע מאַן,
האָב חתונה, מיידל, בויג וויליק דיין קאָפּ,
און שניידט מען די האָר דיינע שיינע דיר אָפּ,
ביז בלוט בייס די ליפּן און וויין, מיידל, וויין, —
נאָר היט זיך און גאָט זאָל דיך היטן
אויף לאַדושקאַס וועגן צו גיין.

און האָסטו חלילה ביי גאָט ניט קיין ווערט,
און האָט ער קיין זיווג פֿאַר דיר ניט באַשערט, —
איז בעסער — פֿאַרשילט דיינע יאָר דיינע טעג,
און שלעפּ זיך אַ בעטלערקע איבערן וועג,
און בלייב ביז אין צאָפּ ביז אין גרויען אַליין, —
נאָר היט זיך און גאָט זאָל דיך היטן
אויף לאַדושקאַס וועגן צו גיין.

אַלבום-פּראַזן

איך האָב אײַך בײדן ליב, און לײד אַלײן דערפון.
בײ דיר אין דײנע אויגן וואוינט די מאָרגן-זון.
די מאָרגן-זון איז שײן אויף שפּיצן בערג און וועלדער,
אויף טורעמס פון דער שטאָט און אויך אויף זאַנגען-פעלדער.
דעם שניטערס סערפּ, דעם קברס בלומען-קראַנץ, בײם וועג דער שטײן,
באַלויכטן פון דער מאָרגן-זון, ווערט אַלצדינג, אַלצדינג שײן.
קוים אָבער עפנט אויף דײן שוועסטער אירע אויגן,
דאַן מוז איך שווײַגנדיק מײן קאָפּ אַרונטערבויגן.
דײן שוועסטערס בליק אין האַרבסט איז טיפע נאַכט און ווײ.
דײן שוועסטערס אויגן לײכטן, ווי מלאכים צוויי
וואָס בעטן גאָט ער זאָל דער וועלט די זינד פאַרגעבן.
און ווען דײן שוועסטער רעדט צו מיר, דאַן ווײנט דאָס לעבן.
אַרומגעהילט פון וואָלקנס גרויע ליגט עס ווײנענדיק —
פאַראײנזאַמט ווײנענדיק, בײם טויער פונעם בלינדן גליק,
און מיט דעם לעבן ווײנט די ליבע, און דער טרויער,
אויף זיבן ריגלען אָבער איז פאַרמאַכט דער טויער —
אויף זיבן גאָלדנע ריגלען איז פאַרמאַכט דער טויער.

צו אייך אַלע

דו שפּאַניער־זון, וואָס דו זינגסט — די גיטאַר אין דער האַנט,
ביים פּענצטער דאָרט ערגעץ אין דאָרף איז דיין שפּאַניער־לאַנד:
און וואַנדערער דו, וואָס דו טרעפּסט אויף דיין וועג דורך דער וועלט
אַ מיידל אַ שיינס ביי די שאָף, צי אַ מיידל אין פעלד
און גאָלד־קעניג דו, וואָס דו ליגסט אויף די קני פאַר אַ פרוי,
און יונג איז די פרוי, און דיין קאָפּ איז ווי זילבער שוין גרוי ;
און דו אויך, פּאָעט, וואָס דו טרוימסט אין דעם שאָטן פון בוים,
און וואַלד־מיידלעך זעסטו, וואָס האָבן דיך ליב אין דיין טרוים.
און אַלע איר אויך, וואָס איר זענט שוין היינט מער ניט אַליין,
און וואָס איר קאָנט שיין זיין, אַזוי ווי דער פרילינג איז שיין, —
אַ גרוס פון מיין פריינדין צו אייך און אַ גרוס אייך פון מיר.
היינט בויג איך מיין קאָפּ, ווי אַ זינדער פאַר אייך און פאַר איר, —
עס איז דאָך די שיינקייט ביי אייך אַזוי וואונדערלעך רייך,
עס איז דאָך איר ליבע, וואָס האָט מיך דערנענטערט צו אייך.

איך בין נישט ווערט

באַוויזן האָט זיך מיר קיין מלאך ניט אין חלום,
ס'איז ניט קיין מעשהלע פון זיבן העלע זונען, —
דאָס האָט דיין ליכטיקייט געלייטערט מיינע אויגן.
האָב איך אַזוי פיל פרייד אין זיך אַליין געפונען,
ווי אין אַ מעשהלע מיט זיבן העלע זונען.

גיי וואוהין דו ווילסט, נאָר גאָט זאָל דיך באַהיטן
דו זאָלסט פאַר עמעצן דערמאָנען מיך צום גוטן —
איך וועל אַליין דערפאַר מיין קאָפּ אָן שטיין צעשלאָגן,
און זאָל מיין זינדיק האַרץ זיך ביז צום טויט פאַרבלוטן —
איך בין ניט ווערט דו זאָלסט דערמאָנען מיך צום גוטן.

אין דיר —

אין דיר — די פרייד פון קינד, וואָס טאַנצט אין זומער־רעגן,
אין דיר — דאָס גאָלד פון האַרבסט וואָס ברענט אויף אַלע וועגן
און אַלע שיינע פרויען צירן זיך אין דיר,
און אַלע צירן זיך פון מיינעטוועגן, —
דעריבער שרייט אַזוי מיין זינדיק האַרץ אין מיר
און ציט מיך צו דעם קינד, וואָס טאַנצט אין זומער־רעגן
און צו דעם גאָלד פון האַרבסט, וואָס ברענט אויף אַלע וועגן,
און צו די שיינע פרויען אויך
וואָס צירן זיך פון מיינעטוועגן.

ביים וויין

און ווייל דער צימבל שפּילט און ווייל דער רויטער וויין
דערציילט אַ מעשהלע דיר ביז אין האַרץ אַריין;
און ווייל אין מעשהלע איז דאָ אַ פּאַלאַץ אויך
ווייט ערגעץ אויף אַ באַרג אין אָוונט-שיין הויך-הויך;
און ווייל דאָרט גייט אַרום אין קליידער גאָלד און בלוי,
פּרינצעסין גינגעלי, יאָהאַמאַס קליינע פרוי, —
דעריבער דאַכט זיך דיר, אַז דאָרט, נאָר דאָרט איז שיין.
און גלייך צו גינגעלין, זעסטו זיך שוין אַליין
אַרומגיין אויך אין אַזאַ קלייד מיט גאָלד באַנייט.
און ווי ביים שפּיגל-גלאָז באַטראַכסטו זיך מיט פרייד
און טראַכסט אַז צו דעם שיינעם קלייד באַדאַרפסטו נאָר
אַ קאַם אַ גאָלדענעם צו צירן דיינע האָר.
און אַז עס פעלט דיר בלויז דער פעכער און די רויז
זאָלסט אויסזען אַזוי שיין ווי גינגעלי זעט אויס.
איך אָבער, וואָס איך זע די שיינקייט, וואָס פאַרגייט,
און הער מיין בלוט אין מיר, וואָס גאַרט נאָך אייביקייט;
איך זע די צירונג ניט, וואָס דו מאָלסט איצטער אויס.
איך זע יאָהאַמאַס קינד ביי גינגעלין אין שויס.
און שיין איז גינגעלי — די מאַמע, וואָס באַטראַכט

דאָס יונגע לעבן אירם וואָס ליגט אין שוים און לאַכט,
און שיין, ווי זי, איז אויך יאָהאָמאָ אין זיין טרוים,
וואָס ליגט אויף מיילן ווייט אין שאָטן פון אַ בוים.
יאָהאָמאָ ליגט און טרוימט, און וואויל איז אים און גוט.
ער מאַכט אַ וואונד אין האַרץ און שרייבט מיט אייגן בלוט.
ער שרייבט צו גינגעלין: „געבענטשט זאָל זיין דער ווינט,
וואָס ברענגט מיין גרוס צו דער מאַמען פון מיין קינד״.
און פייל פון בויגן פליט אין ווייסער וואָלקנשיף
דער גוטער ווינט, וואָס ברענגט צו גינגעלין זיין בריוו.
און גינגעלי וואָס וויינט — זי הויבט ניט אויף איר קול —
זי לייענט שטיל און וויינט און לייענט נאָכאַמאָל.
פאַלט טרער נאָך טרער אַראָפּ, וואָס בלענדט ווי זונענשיין.
שיינט, ווי די זון, דאָס קינד, וואָס גינגעלי וויגט איין.
דערגרייכט די ליכטיקייט יאָהאָמאָן אין זיין טרוים, —
איז ער אַליין אַ קינד אין שאָטן פון דעם בוים.

לאַ-לאַ

טרוימט יאַהאַמאַ ווי אַ קינד,
ווערט דער בוים אַן עפּל-בוים
זינגט יאַהאַמאַ אין זיין טרוים,
זעט ער זיבן קינדער שיינע
אָנגעטאָן אין העמדלעך קליינע
דרייען זיך אַרום דעם בוים
זינגען זיין לאַ-לאַ לאַ-לאַ.
זינגען קינדער זיבן שיינע,
אָנגעטאָן אין העמדלעך קליינע, —
האָט די ליבע זון זיי האָלד,
וואַרפט זי פונעם הימל גאָלד.
פאַלט דאָס גאָלד אויף בוים און עפּל,
אויף אַ הענטל, אויף אַ קעפּל,
גיט אַ הויב דער זומער-ווינט
ס'קליינע העמדל פון אַ קינד,
לאַכן אַלע קינדער שיינע
און זיי הויבן אַלע אויף
זיי'רע העמדלעך זיי'רע קליינע
ביז די פּופּיקלעך אַרויף.

שפרייזן גענדזלעך איינס נאָך איינס,
שפרייזן זיי אַרום דעם בוים,
זינגען זיי לאַ־לאַ לאַ־לאַ.
שלעפּט זיך הינטן נאָך אַ קליינס
פּיסלעך רירן זיך נאָך קוים
פּיפּטשעט דאָס לאַ־לאַ לאַ־לאַ.
הערט יאַהאַמאַ פּיפּטשען, זינגען,
דאַכט זיך אים אַז גלעקלעך קלינגען
קליינע גלעקלעך — לאַ־לאַ־לאַ,
קלינגען גלעקלעך, קומען מיידלעך,
טאַנצן זיי אין פּלאַטער־קליידלעך
אין אַ זיבנפאַכן רינג,
און ווי זומערפייגל גרינג
רונד־אַרום דעם עפּל־בוים
זינגען זיי לאַ־לאַ לאַ־לאַ.
דרייט זיך הימל, וואַלד און פעלד,
טאַנצט די גאַנצע שיינע וועלט
מיט די קינדער און די מיידלעך
אין די ווייסע פּלאַטער־קליידלעך, —
ווערט יאַהאַמאַ ליכט־פאַרבלענדט
שטרעקט ער ווי אַ קינד די הענט
און מיט אויגן ווי אַ בלינדער,
מיט דער וועלט און מיט די קינדער,
דרייט ער זיך און זינגט לאַ־לאַ
אַרום עפּל־בוים לאַ־לאַ,
אַרום עפּל־בוים לאַ־לאַ,
לאַ־לאַ. — — —
לאַ־לאַ. — — —

דער פּעכער און די רויז

וואָס וויינסטו גאָלדן האַרץ? זאָג, וואָס איז דיין באַגער?
דער פּעכער און די רויז? דאָס אַלץ און קיין זאַך מער?
נאָך היינט זאָל גינגעלי זיי אָפּגעבן צו דיר!
צוערשט וועל איך מיט גוטן ווענדן זיך צו איר,
און פּרואוון זי לייקענען, וועט זיין אומזיסט איר מי.
איך וויים פון אַלץ.... איך וויים, פּרינצעסין גינגעלי,
פֿאַראַן אַ קליינע פּרוי אין רעגנבויגן-קלייד,
אַ פּרינץ טשאַהיטשאַהו, וואָס וואַרט אויף איר מיט פרייד...
און טשינקעטשי זיין ווייב — זי ווייסט ניט אַז עס גלעט
איר מאַן די קליינע פּרוי ביי איר אין אייגן בעט,
ווען זי שלייכט זיך אַרוים צום געטער-זון יאַנטשו,
וואָס וואַרט ביינאַכט אויף איר דאָרט ביי אַ ווערבע וואו...
איך וויים אויך נאָך אַ זאַך, פּרינצעסין גינגעלי —
דיין שמייכל שענק דעם יונג וואָס מעלקט אין פעלד די קי,
מיר גיב אַהער יאַנטשום פאַרהייליקטן געשאַנק,
וואָס ד'האָסט געפונען דאָרט ביי טשינקעטשין אין שראַנק. — — —
און אַז ס'עט גינגעלי דערהערן אָט-די רייד,
און אַז אַ צי טאָן אויך וועל איך מיין שווערד פון שייד, —
וועט זי שוין וויסן וואָס מיין גאָלדן האַרץ באַגערט.
און ווי דער ווינט זאָל פלי'ן צוריק-צו-וועגס מיין פערד.

און מעג געוואָר ווערן יאַהאַמאַ אויך דערפון
נאָך איידער אין דער פרי וועט אויפשיינען די זון.
און מעג טשאַהיטשאַהו אַליין מיט אייגענער האַנט
זיך אויפשניידן דעם בויך דערלייזט צו זיין פון שאַנד, —
איך פלי צום גאָלדן האַרץ, וואָס גייט פון בענקשאַפט אויס
דעם פעכער און די רויז צו זען ביי זיך אין שויס;
איך פלי צום גאָלדן האַרץ וואָס קאָן מיך נאַרן אויך,
נאָך איידער ס'וועט די זון אַרויפגיין אין דער הויך.
מיר וועט ניט אויסקומען צו טויטן זיך אַליין,
ווייל אויך געגאַרט צו זיין פון גאָלדן האַרץ איז שיין.
מיין טרויער און מיין פיין וועט וואויל און ליב מיר זיין,
ווי האַרבסטיק בלעטער-גאָלד וואָס גליט אין אָוונט-שיין;
מיין טרויער און מיין פיין וועט מיך ביים גלאָז מיט וויין
פאַרוויגן ווי אַ קינד אין גרויען טויט אַריין.

און דו אַ פּרעמדנס פרוי

דו האָסט מיך ליב געהאַט און ביסט געווען מיין ווייב
און האָסט מיין קינד געטויט ביי זיך אין מוטער־לייב.
איצט וועל איך מיטן האַרבסט נישט גיין אין שטאָט אַריין,
נאָר דאָ פאַרבלייב איך שוין ביז ווייסער שניי וועט זיין.
און אַז ביים שיין פון שניי וועט פינצטער זיין אין שטוב,
וועל איך ביים ברעג פון ים מיר אויסגראָבן אַ גרוב,
און איידער נאָך די נאַכט וועט נידערן אַראָפּ,
וועל איך ביים ראַנד פון גרוב, ווי ביי אַ טויטנס קאָפּ,
אַנידערזעצן זיך מיט אויגן גרויס און ברייט,
ביז קומען וועל איך זען אויך דיך אין שניי פאַרוויט.
ווי זיך — דאָס אומגליק דיינס — געגליכן צו אַ שטיין.
און דעמאָלט וועט דיך אָנקלאָגן, ווי איך אַליין,
אין שניי פאַרוויט מיין קינד. מיין קינד דאָס נישט־געבוירענע.
מיין איינציק קינד, דאָס נישט־געבוירענע, פאַרלוירענע.

האַרבסט

דו, פרוי מיינע אין האַרבסט, וואָס רעדט דיין בליק צו מיר ?
— אין טראַנטעס עמעצער, ער וועט זיך פאַר דיין טיר
אַראָפּלאָזן צום שוועל און אויף אַ פּאַסטעך־פליט
וועט ער דיר אויסשפּילן דיין שיינקייט, וואָס פאַרגייט.
און נאַקעט, ווי אין האַרבסט אַ בוים אין וויסטן פעלד,
וועסטו זיך זען אַליין אין מיטן פון דער וועלט.
און זוכן וועט דאָס ווייב אין דיר דיין זינד — דאָס קינד,
וואָס האַרף אין האַרבסט דיינעם דיך אויסלייזן פון זינד,
און גיין וועסטו צום ים דעם קאָפּ אַראָפּגעווענדט,
דעם קאָפּ אַראָפּגעווענדט מיט אָפּגעלאָזטע הענט,
און וויינען, ווי אַ מענטש, וועט אויף דיין לייב דאָס קלייד
וואָס האָט דיין ליכטיקייט אין זומער־ווינט צעווייט,
און קיינער וועט נישט זיין דיך צו באַדויערן,
און קיינער וועט נישט זיין מיט דיר צו טרויערן.

וואָס וויינסטו נישט ?

וואָס וויינסטו נישט ? איך גיי דאָך שוין אַוועק פון דיר.
זאָל זיין פון גאָט געבענטשט דאָס הארץ, וואָס וועט נאָך מיר
אַזוי דיך ליב האָבן, ווי איך האָב ליב געהאַט.

זאָל זיין פון גאָט געבענטשט דער מאַן וואָס האָט די וואָרט
צו נויגן זיך פאַר דיר — דעם שטערן — ביז צו דר'ערד
ווי איך האָב דאָס געטאָן אין הארצן שטילערהייט.

מיין טרייסט ? מיין לוין ? דיין וואונדערלעכע ליכטיקייט —
דאָס איז מיין אָוונט־גאָלד, דאָס איז מיין לעצטע פרייד,
וואָס לעשט זיך אוים מיט מיר. איך האָב דאָך ניט קיין קינד —

ווער וועט מיך אויסלייזן פון טויט און פון דער נאַכט,
אַז אַלע אירע טויערן האָט צוגעמאַכט
די אייביקייט פאַר מיר — איך האָב דאָך ניט קיין קינד.

דו ווילדע מיינע דו

פאַר דיר איז ניט באַשערט קיין רו,
דו ווילדע מיינע, דו.
ביסט ניט קיין ווייב, וואָס ציטערט גוט און פרום
און נעמט דאַביי איר ליבן מאַן אַרום
און בעט ביי גאָט ער זאָל זיין חסד טאָן
און שענקען איר אַ זון — — —
פאַר דיר איז ניט באַשערט קיין רו,
דו ווילדע מיינע ,דו.
אַ פייער־שטיין ביסטו,
אַ ליכט־סיגנאַל, וואָס קומט פון ים אַרויס
און טרייבט פון בעט אין הויז
אין מיטן נאַכט —
אַ גאַנצע שטאָט ביים ברעג.
דו ביסט די שרעק
אַרום אַ שיף וואָס ברענט אין מיטן וויטן ים.
דו ביסט אַליין דער פלאַם,
וואָס צינדט דעם הימל אָן אויף מיילן־וויט ;
דו ביסט דער ים, וואָס שרייט
און וואַרפט זיך ליכטיק רויט
צום ריטם פון דער שיף, וואָס טאַנצט איר טויטן־טאַנץ,
און פלעכט אין מיטן טאַנץ אַ ווילדן פייער־קראַנץ
אַרום דעם קאָפּ פון טויט — — —
פאַר דיר איז ניט באַשערט קיין רו,
דו ווילדע מיינע, דו.

דערצייל

קום זיי מיר אַ מאַמע. דערציילט האָט מיין מאַמע
אַ מעשהלע פון אַ פּאַפּירענער בריק —
דערצייל עס מיר אויך, און דערצייל פון די פייגל,
וואָס קומען אין זומער-צייט ווידער צוריק.

פּאַרטרייב פון מיין בעט די חלומות די וויסטע,
וואָס קומען צו מיר אַלע נאַכט, אַלע נאַכט.
דערצייל פון מלאכים, וואָס זענען געקומען
און האָבן מיר גאָלדענע שטערן געבראַכט.

און קלינגט מען אין קלויסטער — פאַרהאַלט מיר די אוי׳רן,
פאַרהאַלט זיי, און זאָג, אַז דער שטאָט-זייגער קלינגט.
און וויינט אין די לאָדן דער ווינט, זאָלסטו זאָגן —
עס זיצט ביי אַ ספר דער טאַטע און זינגט...

דערצייל, אַז ס׳איז וואַרעמער זומער אין דרויסן,
און זינגענדיק גייען די גוים פון פעלד.
דערצייל — אפשר וועט דאָס מיין קומער פאַרשטילן
און ליכטיקער, ליכטיקער מאַכן מיין וועלט.

כי־כי

קומט צופליען דאָס קאַרליקל כי־כי
אויף דעם מאָרגן־פויגל פלאַטער־פלי.
הערט דאָס קאַרליקל דעם דיכטער וויינען,
ברענגט ער אים אַ בריוועלע צו ליי׳נען.

איז דאָס בריוועלע פון זונען־לאַנד,
וואָס די קעניגין מיט אייג׳נער האַנט
האָט דאָס צו דעם דיכטער אָנגעשריבן,
און זי שיקט אים דאָרט גרוסן זיבן.

רעדט פון שלאָף דער דיכטער פון זיין גליק,
און ער שרייבט אַ בריוועלע צוריק,
און ער הייסט מען זאָל דאָס איבערגעבן
צו דער קעניגין, זיין טייער לעבן.

גיט אַ וואונק דאָס קאַרליקל כי־כי
צו דעם מאָרגן־פויגל פלאַטער־פלי,
פליען ביידע גיך זיך צו פאַרבאָרגן
אין אַ וואָלקנדל פון רויטן מאָרגן.

IV

אָוונט

יצחק לייבוש פּרץ

און דו ביסט טויט. און נאָך האָט דיך נישט צוגעדעקט די ערד
און איבער טויזנט גאַסן ווייט ווי אַ גאַלאָפּ פון פערד
צעטראָגט זיך דאָס געלויף פון יונג און אַלט וואָס איילן זיך
און באָטן אָן צום קויף דאָס בלאַט וואו טעלעגראַפיש־גיך
אַנטפּלעקט מען אונדז מיט מאַרקגעשריי, אַז ס'קלאַפּט ניט מער
דיין האַרץ,
און ווי אַ גרויסער פּוץ־רעקלאַם איז איינגעפּאַסט אין שוואַרץ
דיין גרויער קאָפּ. און מיר, די גרויסע לייט, וואָס דאַרפן שטום
און טיף־געבויגן זיין — מיר רינגלען שוין דיין גייסט אַרום,
ווי מוידן אין אַ שענק ביינאַכט אַ שיכורן מאַגנאַט
און טרערן האָבן מיר און רייד, ווי פּערל רונד און גלאַט,
ווי רענדלעך גרויס און ווער פון אונדז עס האָט אין מויל אַ צונג
קלאַפּט אויס אַ ריטמיש וויי־געזאַנג ווי ס'קלאַפּט אַ שוסטער־יונג
אַ גראָבן טשוואָק אַריין אין קנאַפּל פון אַן אַלטן שוך.
און יעדער קלאַנג איז פול מיט קויטיקייט און שוויים־געֿרוך,
ווי נעגער־פלייש און אַלץ איז סחורה בלויז — צום שוואַרצן יאָר! —
מיר האַנדלען דאָך מיט אַלץ, מיט אַלץ מיט וואָס עס לאָזט זיך נאָר —
מיט תורות ווי מיט חזיר־האָר, מיט מענטש און טייפלס־קויט
איין וואַונדער נאָר פאַרוואָס מיר האָבן נאָך ביז היינט, ביים טויט,
ניט אויסגענאַרט זיין מאָרד־געצייג פאַר שנאַפּס און קופער־געלט.

מיר זענען דאָך דאָס פלייש און בלוט פון יענעם גרויסן העלד,
וואָס האָט אַן ערשט-געבוירט געקויפט פאַר איין טאָפּ לינזן בלויז
און האָט דאָך איינער אויך פון אונדז, אַ גאָט אין גאַנצער גרויס —
מישטיינס געזאָגט — פאַרקויפט דער וועלט פאַר דרייסיק שקלים לוין;
און אויב דאָס אַלץ איז וואָר — פאַרוואָס-זשע זאָלן מיר ניט שוין
אויך האַנדלען היינט מיט דיר, דו שטויב פון אונדזער העכסטן שטאָלץ,
וואָס ביסטו דען געווען פאַר אונדז? — אַ לעצטע גלאָווניע האָלץ,
וואָס ברענט אין סטעפּ ביינאַכט אין רינג פון אַ ציגיינער-שטאַם;
אַ זעגל פון אַ שיף, וואָס ראַנגלט זיך מיט ווינט און ים;
אַ לעצטער בוים פון אַ פאַרכישופט-וואָגלענדיקן וואַלד,
וואו דער בליץ האָט דעמבעס-ריזן טויזנט-יאָריק אַלט,
פון זיי'רע וואָרצלען אָפּגעהאַקט. און איצט? וואָס ביסטו איצט? —
אַ מענטש אויף קאַלטער ערד, באַוועגלאָז שטום, ווי אויסגעשניצט
פון מאַרמאָר-שטיין אין שיין פון טויטן-ליכט. אַן אָנהויב-סוף;
אַ בילד — אַ רגע זעאונג בלויז פון יענעם לאַנגן שלאָף,
וואָס נעמט ביי אונדז דעם טאָג, די נאַכט, דאָס ביסל לעבן צו
מיט גאָר דער שיינקייט פון דער גאַנצער וועלט. איז דאָס די רו?
איז דאָס דער טרוים פון אייביקייט אויף אונדזער טונקלען גאַנג?
פאַרוואָס זשע בויגט דער מענטש זיך טיף ביים בלויזן טויט-געדאַנק
און וויינט פאַרוויטיקט, ווי אַ קינד, אין טונקלער נאַכט אַליין?
ווער פירט די וועלט? ווער הייסט דעם פרילינג אויפבליען און
פאַרגיין?
ווער טרייבט אין טעג פון הארבסט דעם ווינט דורך וויסטעניש
און וואַלד?
און ווען דער אָדלער פליט ניט מער און ווען דער אָדלער פאַלט, —
פאַרוואָס מוז זיין די ראָב וואָס רייסט די אויגן אים אַרויס?
פאַרוואָס? פאַרוואָס מוז זיין די האַנט וואָס שטרעקט, אָן שרעק,
זיך אויס
צום טויטן לייב? צי וויינט דען ניט אין אָפּגעשונדן פעל
די זעל פון אים — פון טויטן לייב די קעניגלעכע זעל?
פאַרגיב פאַרוואָס איך פרעג אַזוי. זיי מוחל מיר. פאַרגיב.
ווי קען איך אַנדערש דען? איך האָב דאָך אויך דאָס לעבן ליב
און אויגן האָב איך אויך, און אָפּענע, און איך בין בלינד.
נאָכאַלעמען בין איך דאָך אויך אַ פּראָסטן קרעמערס קינד.

און ווי עס בענקט נאָך רעגנגאַנג אַ שטיק פאַרטריקנטע ערד,
האָב איך זיך אין דיין ליכטיקייט צו לייטערן באַגערט.
און ווי עס ציטערן נאָך ברויט ביים אָרעמאַן די הענט,
באַגער איך איצט דיין גייסט צו זען וואָס האָט זיך אָפּגעווענדט
און וואָס איך זע איז בלויז די נאַכט אין דיר, דעם טויט אין דיר,
די וויסטעניש, וואָס וועט אָן דיר נאָך וויסטער זיין אין מיר.
געבענטשט איז דער פאַר וועמען ס'איז אַ יענע וועלט נאָך דאָ.
פאַר אים איז דאָ אַ טרייסט. פאַר מיר איז גאָרנישט, גאָרנישטאָ.
פאַר מיר וועט נאָך אַ טויטן-ליכט פאַרלירן זיך אין רויך,
פאַר מיר וועט נאָך אַ קבר-שטיין אין דר'ערד פאַרזינקען אויך.
און ווייטער וועל איך זען פאַר זיך דאָס רעטעניש — דעם טויט
און בלאַנקען וועט זיין סערפּ פאַר מיר אַזוי ווי פייער רויט,
אַזוי ווי פייער רויט,
אַזוי ווי גאָלד,
אַזוי ווי בלוט.

נאָך דער שבעה

ווי לאַנג וועסטו זיצן, מיין שוועסטער,
מיט אויגן צום באַלקן געקערט
און זיך וויגן אַזוי ווי דיין שאָטן?
דיין שאָטן און דו —
עס זיצן צוויי אַלטע ציגיינער
אויף בערגלעך פון שניי אין דער נאַכט
און ווערן פּאַמעלעך פאַרגליווערט.

זיבן טעג — זיבן יאָר
ביי וואַסער און ברויט אויף דער ערד.
זיבן יאָר האָסטו, שוועסטער,
דיין לאָקיגן קאָפּ נישט געקאַמט.
איצט הענגען די לאָקן אַריבער דיין פּנים,
ווי איבערגעריסענע סטרונעס
אַריבער אַ גאָלדענער האַרף;
ווי איבערגעבראָכענע צווייגן
וואָס הענגען אַראָפּ
פון אַן איינזאַמען ביימל אין פעלד.
שטום ליגט די שרעק איבער דיר, —

שטום ווי די גרויקייט פון הארבסט
איבער גראָזן און בלומען;
שטום ווי די שרעק אויף אַ טייך,
וואָס טראָגט אויף די וואלן אַ שיפל אָרום
מיט אַ טויטן, וואָס ליגט דאָרט אַליין.
און ווער וואלט אצינד דיינע ליפּן דערקאַנט,
מיין שוועסטער?
צוויי קינדער וואָס זענען פאַרבלאָנדזשעט אין וואלד
און ליגן דאָרט הענטלעך אין הענטלעך געפלאָכטן
און שטאַרבן.
צוויי בערגלעך מיט גראָז
אין די ווינקלען ביים טויער פון בית-עולם —
צוויי גרייז-גראָע וועכטער,
וואָס זיצן ביינאַכט ביי אַ טויטן.
וואָס קוקסטו מיך אָן אזוי פרעמד,
מיין שוועסטער?
וואָס קוקסטו מיך אָן אזוי קאַלט,
מיין שוועסטער?
דערקאָנסט מיך שוין מער ניט.
דערקאָנסט מיך שוין מער ניט.

מיין אומרו פון אַ וואָלף

מיין אומרו פון אַ וואָלף און פון אַ בער מיין רו,
די ווילדקייט שרייט אין מיר, די לאַנגווייל הערט זיך צו.
איך בין ניט וואָס איך טראַכט, איך בין ניט וואָס איך וויל,
איך בין דער צויבערער און בין דאָס צויבער־שפּיל.
איך בין אַ רעטעניש וואָס מאַטערט זיך אַליין,
אַ פלינקער ווי דער ווינט, געבונדן צו אַ שטיין.
איך בין די זומער־זון, איך בין די ווינטער־קעלט,
איך בין דער רייכער פּראַנט וואָס וואַרפט מיט גאָלדן געלט.
איך בין דער יונג וואָס שפּאַנט, דאָס היטל אויף אַ זייט,
און גנבעט פייפנדיק ביי זיך אַליין די צייט.
איך בין דער פידל אויך דאָס פייקל און דער באַס
פון אַלטע קלעזמער דריי וואָס שפּילן אויפן גאַס.
איך בין דער קינדער־טאַנץ, און ביים לבנה־שיין
בין איך דער נאַר וואָס בענקט אין בלויען לאַנד אַריין.
און אַז איך גיי פאַרביי אַן איינגעפאַלן הויז,
בין איך די פוסטקייט אויך וואָס קוקט פון דאָרט אַרויס.
אַצינד בין איך די שרעק אין דרויסן פאַר מיין טיר,
די גרוב די אָפענע וואָס וואַרט אין פעלד אויף מיר.
אַצינד בין איך אַ ליכט, אַ יאָרצייט־ליכט וואָס ברענט,
אַן איבריק בילד ,אַן אַלטס, אויף גרוי־פאַרשטויבטע ווענט.
אַצינד בין איך דאָס הארץ — דער אומעט אין אַ בליק
וואָס האָט געבענקט נאָך מיר מיט הונדערט יאָר צוריק.
אַצינד בין איך די נאַכט וואָס הייסט מיך ווערן מיד,
דער שווערער נאַכט־טומאַן, דאָס שטילע אָוונט־ליד.
דער שטערן איבער מיר דאָרט אויבן אין דער הויך,
דאָס רוישן פון אַ בוים, אַ גלאָקן־קלאַנג, אַ רויך. —

די זון פאַרגייט

די זון פאַרגייט
און בילד נאָך בילד, ווי אין אַ בוך אַריין,
מאָלט עמעץ איבער מיר אין אָוונט-שיין
פון האַרץ מיין אייגענעם דעם בלינדן טרויער.
בין איך אַליין אַ בעטלער פאַר אַ פּאַלאַץ-טויער
און אונטער וויין-געפלעכט, אין שאָטן זיצן,
פון אַלע לענדער אויפגעזאַמלטע, פיל גרויסע לייט
און שיינע פרויען אויך אין גאָלד און זייד,
און אַלע לאָזן זיך פון יונגע קינסטלער שניצן
אויף טאָוולען העלפאַנטביין אין אָוונט-שיין,
ביים וויין. —
די זון פאַרגייט.

די זון פאַרגייט
און וואַרטנדיק מיט אימה אויף דער נאַכט
האָט ערגעץ זיך פון העלערהויט צעלאַכט
אַ פרוי אין דערנער-קראַנץ,
אין מיטן טאַנץ.
איז אויסגעגאַנגען קראַנק,
ווי זי אַליין, דער קלאַנג
פון האַרף און פלייט,
וואָס האָבן זי באַגלייט.
און אויף אַ וועג אין פרעמדן דאָרף אַריין
אויף קוליעס צוויי —
אַן אַלטיטשקער אין אָוונט-שיין,
און תּפילהדיק די אויגן הויבט ער אויף
אַרויף — — —
די זון פאַרגייט.

די זון פֿאַרגייט.
און ערגעץ ציילט זיין גאָלד אַ קאַרגער שטילערהייט.
און ווי דאָס גאָלד אין זיינע הענט
קלינגט אין זיין האַרץ די פֿרייד
אין אָוונט־שיין.
און ערגעץ אין אַ דאָרף, שוין דריי טעג לאַנג
אַ ווילדער רעגן־גאָס מיט ווינט און גלאָקנקלאַנג.
דער רעגן גיסט,
און פֿעלדער ווערן מיילן־ווייט פֿאַרוויסט.
און ווי דער רעגן, בלינד,
זינגט וויינענדיק די זאָרג
דורך טויזנט פֿענצטער אין דער נאַכט אַריין.
און מיילן־ווייט פֿון דאָרט, אין אָוונט־שיין,
פֿאַלט אום אַ מענטש אין סטעפּ,
וואָס נאָגט אַליין דאָס בלוט פֿון זיינע הענט,
און ווערט פֿון דורשט פֿאַרברענט. —
די זון פֿאַרגייט.

די זון פֿאַרגייט
און אויף אַ שמאָלן שטעג,
צו אַ באַוואוינטן טאָל, קומט אָן פֿון וועג
אַ וואַנדערער.
באַגריסט אים זינגענדיק
אַ וואַסערפֿאַל, וואָס שפּרינגט
אין רעגנבויגן־פֿאַרבנשפּיל
פֿון באַרג אין טאָל אַריין.
קומט אים אַנטקעגן אויך מיט ברויט און ווייַן,
אַ פֿרעמדע פֿרוי אַן אָרעמע אין אָוונט־שיין.
און אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג אַליין,
אַ נזיר אַלט און גרוי ווי אונטער אים דער שטיין.
און פֿאַר זיין בליק אַ שטאָט מיט טורעמס הויך און אַלט
און פֿאַר זיין בליק אַ חיל וואָס באַפֿאַלט
די שטאָט — — — —
און דונערדיקער בליי,

און שווערד־געקלאַנג
ווערט איבערהילכט פון טויט־געשריי
און זיג־געזאַנג.
די זון פאַרגייט.
די זון פאַרגייט.

די זון פאַרגייט —
און ערגעץ וויגט אַ מאַמע איין,
ווי אַלעמאָל איר קינד.
און ערגעץ שלאָפט אויך איין,
פאַרוויגט פון ווינט וואָס ווייט,
אַ מענטש וואָס איז שוין האַלב פאַרשנייט.
דער מענטש גייט אויס
און אַרום אים מיט אויגן רויט־צעגליט
אַ האָרדע וועלף, וואָס שרייען זייער הונגער־ליד
אין ווייסער ווייט אַרויס.
און איבער אַלץ — דאָס רעטעניש פון טויט,
וואָס ברענט ווי פייער רויט;
און איבער אַלץ — דאָס בלוטיקע געוויין
פון אייביקן פאַרגיין — — —
די זון פאַרגייט — — —
די זון פאַרגייט — — —

די זון וועט ארונטערגיין...

די זון וועט ארונטערגיין הינטערן בארג,
וועט קומען א שטילע די ליבע צוגיין,
וועט קומען א שטילע די ליבע צוגיין
צום אומעט, וואס זיצט אויף א גאלדענעם שטיין
און וויינט פאר זיך איינעם אליין.

די זון וועט ארונטערגיין הינטערן בארג,
וועט קומען די גאלדענע פאווע צופלי'ן,
וועט קומען די גאלדענע פאווע צופלי'ן
און מיטנעמען וועט זי אונדז אלע אהין,
אהין וואו די בענקשאפט וועט צי'ן

די זון וועט ארונטערגיין הינטערן בארג,
וועט קומען די נאכט און וועט זינגען ליו-ליו
וועט קומען די נאכט און וועט זינגען ליו-ליו,
אריבער די אויגן, וואס פאלן שוין צו
צו שלאפן אין אייביקער רו.

אָוונט

איינער שלאָפט
און איינער שווייגט
און איינער ליגט אַ קראַנקער אויפן דעק.
מיט קאַלטע פינגער קלאַמערט ער אַרום
דעם אייזן אַנקער,
און וואַקס-געל זיין פּנים שמייכלט שטום
צום ים אַרוים.
אַנטקעגן אים, אין ווינקל,
זיצן בלייכע מיידלעך, אַנגעבויגענע, און זינגען.
דאַר-פאַרברוינטע פּנימער פון זקנים האָרכן —
שפּרייטן זיך די רינגען טונקעלער
אַרום די אויגן זיי'רע.
בליען — איינגעהילטע אין אַ גרויען נעפּל —
דערפעך, שטעטלעך, ווייטע אויפן שיף-דעק;
לעבט אין טרוים אויף ס'ניי
אַ וועלט אַ לאַנג-פאַרשפּילטע;
ציטערן, ווי בלינדע אין דער פרעמד,
געשטרעקטע הענט וואָס וויינען;
ציט זיך אויף אַ פלאַקסן זייל
אַ ליכט אַרויף צום מאַסט-בוים, —
גייען נאָך דעם ליכט
די אויגן פון אַ יונגן שיפער.
גרויער הימל וואַנדערט.
ווינט און וואָלקן — — — —
ווינט און וואַלן — — — —
טיפער אין דער נאַכט אַריין
פאַרקירעוועט זיך די שיף — — — —

עס טרעפט אמאָל

עס טרעפט אמאָל: דו זיצסט דעם קאָפּ אויף בײדע הענט
און זעסט אַ טיש אין שטוב, אַ בעט, אַ לאָמפּ וואָס ברענט,
און הערסט דעם זײגער גײן, דאַכּי אויך דאַכט זיך דיר
דו זעסט, באַוואַקסן ווילד, אַ מענטש ניט ווײט פון טיר.
אַ פרעמדן מענטש. דו הויבסט זיך אויף און קוקסט אים אָן, —
איז ער אײנגאַנצן אײנגעהילט און אָנגעטאָן
אין אַזאַ קלײד וואָס ציט זיך אויס אויף מײלן־לאַנג,
קערסטו זיך אָפּ און גײסט מיט ציטערדיקן גאַנג
צום נאָענטן פענצטער צו און הויבסט דעם פאָרהאַנג אויף
און הערסט זיך אײן צום רויש וואָס קומט פון גאַס אַרויף.
אַ גאַס־טראַמוויי, אַ קלאַנג, אַ קאַטערינקע־שפּיל, —
טראַכטסטו דאָס אײגענע דיר איבער אין דער שטיל
און קוקסט ווי מענטשן גײען און זעסט דעם קינדער־טאַנץ
בײם שײן פון גאַסן־לאָמפּ; און זעסט אַ מאַטן גלאַנץ
בײם שײן פון גאַסן־לאָמפּ אויף יענעמס האַנט וואָס דרײט.
און הינטער דיר דער מענטש ווערט שווינדלדיק הויך און ברײט
און פרעסט די צײן צונויף און שפּרײט פאַנאַנד דאָס מויל.
דאַכּי דערפילסטו אויך, ווי שוואַרצע שטיקער קויל,
די הענט וואָס שטרעקן זיך אַלץ נענטער צו דיר.
האַלטסט דעם אָטעם אײן און טוסט זיך ניט קײן ריר,
וואַכט אויף געקלאַנג אין ד׳אויערן, ווערט מאַט און קאַלט
דאָס לײב, דער קאָפּ, די הענט און אַלצדינג קלינגט און פאַלט.
צעשווימט אַ באַרג פאַר דיר, צעעפנט זיך אַ גרוב,
און גרוי ווערט אַלץ, און רויט ווערט אַלץ, און שווער, און הײס, —
דערפילסטו אויך דאַכּי דעם קאַלטן אַנגסטן־שווײס,
וואָס ציט זיך טראָפּנווײז פון פנים נאָכאַנאַנד.
גײט ציטערדיק און פרעמד דורך דײנע האָר דײן האַנט,
הערסטו דײן אָטעם אויך וואָס גײט אַרויף, אַראָפּ.
און צו דער קאַלטער שויב פאַלט צו דײן מידער קאָפּ,
און עפּעס װײנט אין דיר אַזוי פאַראומערט, שווער,
און וואָס דו הערסט און וואָס דו זעסט — איז גאָרנישט מער.

גלאַט-אַזוי

האָט משה לייב זיך אַנידערגעשטעלט
אין מיטן דער נאַכט, צו דערטראַכטן די וועלט.
הערט ער צום אייגענעם טראַכטן זיך איין —
שעפּטשעט אים עמעץ אין אויער אַריין,
אַז אַלצדינג איז גלייך און אַז אַלצדינג איז קרום
און ס׳דרייט זיך די וועלט אַרום אַלצדינג אַרום.
צופּט משה לייב מיט די נעגל אַ שטרוי
און שמייכלט.
פאַרוואָס? —
גלאַט אַזוי.

צופּט ער אַזוי זיך די שטרוי אין דער נאַכט,
טוט זיך אים נאָכאַמאָל עפּעס אַ טראַכט.
טראַכט זיך אים — הערט ער זיך נאָכאַמאָל איין —
שעפּטשעט אים עמעץ אין אויער אַריין,
אַז גאָרנישט איז גלייך און אַז גאָרנישט איז קרום
און ס׳דרייט זיך די וועלט אַרום גאָרנישט אַרום.
צופּט משה לייב מיט די נעגל די שטרוי
און שמייכלט.
פאַרוואָס? —
גלאַט-אַזוי.

O

זאָגט צו מיר דער גאַנג פון לעבן: גריבל נישט — ס'אַן אַלטע מעשה!
האָר פון קינדער שוואַרצע, בלאָנדע; האָר פון זקנים זייַנען ווייסע.
און דער פויגל קוים געבוירן פּרואווט שוין אויס די קליינע פליגל
און אַ פינגערל ביים מיילכל, שטייט דאָס מיידל פאַרן שפּיגל
און זיין מעלזאַק טראָגט דער אייזל, ווי עס טראָגט זיין קרוין דער קעניג.
און אויך דו, מיין שטערנזעער, ביסט מיר אייביק אונטערטעניק.
ביים שפּאַקטיוו, די קני געבויגן, שטייסטו און ווילסט מיד נישט ווערן
און אין ציפערן פאַרבייטסטו נאָנטקייט, ווייטקייט, זון און שטערן,
כאָטש נאָך דיר וועט פון דיין חשבון אויך די זעלבע נול פאַרבלייבן
וואָס מיט אַט־אַזאַ מין דריידל — 0 — קאָן דאָס יעדער נאַר פאַרשרייבן.

אין זילבערנעם לאַנד

איז דאָס וואָר, אַז די לבנה
איז אַ לאַנד אויך? זאָל מען גלויבן?
יאָ ס׳איז וואָר; אַ לאַנד פון זילבער —
זילבער אַלץ, וואָס וואַקסט דאָרט אויבן.

זילבער־ברויט און זילבער־עפּל
זענען זיי דאָך האַרט ווי שטיינער,
פעלן טאַקע שוין דעם קעניג
אַלע זיינע בעסטע ציינער.

און דערפאַר איז אויך דער קעניג
אַזוי מוראדיק צעטראָגן.
שוין זינט טויזנט יאָרן האַלט ער
זיך מיט ביידע הענט ביים מאָגן.

ליידט דער קעניג אויפן מאָגן,
דאַרף מען דאָך טראָמפּייטן בלאָזן?!
דאַרפן דאַרף מען, — האָבן אָבער
אַלע הויפלייט אים פאַרלאָזן.

זייער קעניג צו פאַרלאָזן,
ווער האָט זיי דאָס רעכט געגעבן?
— אין אַ לאַנד פון בלויזן זילבער
איז זיי שווער געוועזן צו לעבן.

אויך דעם פאָלק, וואָס האָט געהונגערט,
האָט דאָס לעבן זיך דערעסן.
און פאַרלאָרן האָט דער קעניג
אויך זיין טאָכטער די פּרינצעסן.

אויף אַ זילבערנעם פויגל
האָט זי זיך געלערנט רייטן,
האָט ער זי אַוועגעטראָגן
ערגעץ אין אַ לאַנד אַ וויטן.

איינער נאָר — דער אַלטער הויפנאַר,
ער איז נאָך געטריי געבליבן,
לויפט ער טאַקע נאָך דעם קעניג
דורך די זאַלן אַלע זיבן.

גרייט, דאָס נאַכט־געשיר פון זילבער,
וואָס ער האַלט, אַוועקצושטעלן,
וואו זיין מאַיעסטעט דער קעניג
וועט אים הייסן און באַפעלן.

הייבט צו וויינען אָן דער קעניג,
טוט ער מיט דעם קעניג וויינען;
וויל אַ טרייסט דער קעניג הערן,
טוט ער אים די ביבל לייענען.

נעמט דער קעניג שלעפריק ווערן,
בעט ער אוים דאָס בעט דעם קעניג,
און פאַרדעקט אים און פאַרוויגט אים
און פאַרנויגט זיך אונטערטעניק.

און דאָס נאַכט־געשיר פון זילבער
זעצט ער זיך אַוועק — צו פוצן,
מיט אַ תפילה, אַז דער קעניג
זאָל עס צום געזונט באַנוצן.

ס׳איז לאַנגווייליק מיר

ניט אַנדערש, נאָר כאַטש נײַ זיך איין
דעם שם אין ביידע קני.
און איז דיר שווער אַליין צו פליען,
נעם מיט אַ ווייב און פלי.

נעם מיט אַ ווייב וואָס־פאַר־אַ־ס׳איז —
אין הימל פלי אַריין.
מער לאַנגווייליק ווי דאָ אויף דר׳ערד
קאָן אויבן אויך ניט זיין.

יאָ־יאָ. ס׳קומט אוים, כאַטש פלי אַרויף
און בלייב שוין אויבן דאָרט,
און קלעפּ אַרום דיין פּנים דיר
אַ ווייסע וואָלקן־באָרד.

און ווער אַ גאָט פאַר זיך אַליין,
און זיי אַ מאַן פאַר איינס.
און מאַך דעם ווייב וואָס וואוינט מיט דיר
אַ גאָטעלע, אַ קליינס.

און ווילסטו — מאַך אַ צלם אויך,
און קריך אויף אים אַרויף.
און נעם דאָס קליינע גאָטעלע,
און הענג עס אויבן אויף.

און האָסטו שוין די וועלט דערלייזט —
טו עפּעס גלאַט אַזוי.
לעש אויס די זון, פאַרב אָפּ אויף רויט
דעם הימל וואָס איז בלוי.

און די לבנה אויך הענג אויף
זיך פאַרנט אויפן בויך.
און ווילסטו זי פון הינטער דיר,
דערלויב איך דיר דאָס אויך.

איר שמייכל האָט דאָך סײַ ווי סײַ
דערעסן דיך שוין לאַנג
און אויב זי איז פון גאָלד — ועסטו
זיך זעצן מיט אַ קלאַנג.

און איז דיר דאָס אויך לאַנגווײַליק,
ווייל דאָס אויך האָט קיין ווערט.
דעם שענסטן ווייסן מלאך נעם
און מאַך אַ שוואַרצן פערד.

באַהענג מיט שטערן זיך די ברוסט,
ביים פערד באַהענג דעם עק.
און לאָז דאָס ווייב, מיט גאָר דער וועלט,
און רייט אַליין אַוועק.

אַוועק, צוריק צום כאַאָס רייט,
וואָס איז אַמאָל געווען.
און קוק זיך קיינמאָל מער ניט אום,
וועסט סײַ ווי גאָרנישט זען. — — — —

שפּיל איך זיך

איז דער מענטש אַ נאַר אַ בלינדער, —
בין איך מיר אַ קינד מיט קינדער,
היים איך מיר אַ וועגל קויפן,
אויף פיר רעדער זאָל עס לויפן,
וועל איך אויפן וועגל פאָרן
מיטן טאַטן קיין פּאַמאָרן,
וועט דער טאַטע האַנדלען, וואַנדלען, —
קויפן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.
וועט ער קויפן, וועל איך עסן,
און דעם מענטש דעם נאַר פאַרגעסן.

בענקט זיך מיר צו זיין אַ טאַטע —
מאַך איך קינדער מיר פון וואַטע,
מייטקעס מאַך איך זיי פון סאַמעט
און איך דינג זיי אַ מלמד.
גיב איך אים שכר־לימוד קנעפּלעך, —
לויבט ער זיי'רע גוטע קעפּלעך.
הייסט אַ קינד זיך שפּילכלעך קויפן, —
קויף איך אים אַ גאַנצן הויפן;
וויינט אַ קינד עס וויל אַ מאַמען, —
וויין איך מיטן קינד צוזאַמען.

צו דער לבנה

נעם מיך אין דיין הימל, מוטער,
טייל מיט מיר דיין טרויער.
לאָז מיך דיר דיין שלעפּ-קלייד טראָגן
דורך דער נאַכט דער בלויער.

גאָר די שענסטע ליבעס-בריוולעך
קען איך אויסוויינִיק.
וועל איך דיר די בריוולעך שרייבן
צו דעם זונען-קעניג.

וועט דער זונען-קעניג קומען
אין זיין פייער-וואָגן,
און אַליין זיין האַרץ דאָס שטאָלצע
ברענגען דיר צוטראָגן.

וועסטו פאַר דיין לאַנגן וואַרטן
אויף די קני אים צווינגען,
וועט מיט אים די וועלט די גאַנצע
פון דיין טרויער זינגען.

אין מיטן דער נאַכט

ווער האָט מיך אויסגעטראַכט
אין אָט דער פרעמדער וועלט?
מיר דאַכט זיך אוים — איך הוידע זיך ביים פאַרקאַן פון אַ פעלד,
ביים פאַרקאַן פון אַ קברים-פעלד אין אַ לבנה-נאַכט,
און איבער ימים ווייט און פון אַן אַלטער קלויז
דערשיינט צו מיר אַ ליכט וואָס גייט פאַמעלעך אוים;
און איבער ימים ווייט דערגייט צו מיר אַ ליד,
וואָס האָט ווי פייער זיך אין מיר אַריינגעגליט,
ווען איך בין וואַנדערנדיק ביים ריין
פאַרביי געגאַנגען.
אַ ברוינער שיפעריונג מיט בלאָנדע האָר אין ווינט
האָט מיט זיין ווייב און קינד
געשיפט זיך זינגענדיק אין אָוונט-שיין,
געשיפט זיך זינגענדיק צום טאַקט פון צימבל-קלאַנגען
און איך בין וואַנדערנדיק פאַרביי געגאַנגען.

הויקער, דו

הויקער דו אויף מיין נשמה,
אומעט אין לבנה־שיין;
גוט איז מיר אַזוי אויף אייביק
אַ פֿאַרפֿאַלענער צו זיין.

האָבן מיר די רייד וואָס קלינגען
קיינמאָל ניט קיין טרייסט געבראַכט,
וועל איך, מיטן קאָפּ פֿאַרריסן,
וויינען, וואָיען אין דער נאַכט.

וועל איך הערן ווי איך וואָיע,
וועל איך הערן ווי איך וויין,
וועל איך מער קיין רייד ניט דאַרפֿן
צו פֿאַרשפּילן זיך אַליין.

צו אַ גרויסן הונט אַ שוואַרצן
וועל איך דעמאָלט ענלעך זיין.
הויקער דו אויף מיין נשמה,
אומעט אין לבנה־שיין.

הילדאַ, שרייב צו מיר

אין מיטן האַלבער נאַכט האָט אויפגעשיינט אַ שטראַל
און דאָ האָט זיך מיין שטוב פאַרוואַנדלט אין אַ זאַל.
צוערשט ווי איינגעהילט אין נעפּל-בלויען רויך
דערנאָך אַ ליכטיקייט דורך פענצטער שמאָל און הויך,
און גלייך די ליכטיקייט וואָלט כישופדיק געבלענדט,
האָט זיך געמאָלן מיר דיין בילד אויף אַלע ווענט,
און איך האָב קיינמאָל דיך אַזוי נאָך ניט געזען —
אויף יעדן בילד ביסטו אַן אַנדערער געווען.

— אַ ים. אַ בלויע נאַכט. אַ שטילקייט ווייט אַרום.
און אין אַ ווייסן קלייד אַ מענטש, וואָס וואַנדלט אום
מיט ווייט-צעשפּרייטע הענט אין מיטן ים אַליין,
און אויף זיין פּנים רוט אַ פרידן, טיף און ריין.
זיין שטראַלן-קרוין באַלויכט דעם ים אין ווייטער ווייט.
און ער אַליין, דער מענטש — אַ טרוים פון הייליקייט,
אַ טרוים פון פרידלעכער און הייליק-טיפער רו.
איך שליס די אויגן צו — די טרוימגעשטאַלט ביסטו.

— אַ קריג. און רייטער פליען, די שווערדן אין דער הויך,
און שטראַלן מישן זיך מיט וואָלקנס שטויב און רויך,
און איבן, אויף אַ באַרג, אַ רייטער אויף זיין פערד,
וואָס שטרעקט, ווי אייזן קאַלט, צום טאָל אַראָפּ זיין שווערד
און קאָפּ און שפּיז פֿאַראויס, צעלאָזט זיך אין גאַלאָפּ
זיין לעצטע רייטער־גאַרד פון באַרג אין טאָל אַראָפּ.
און ער אַליין, אַ טרוים פון אייזן־קאַלטער רו.
איך שליס די אויגן צו — די טרוימגעשטאַלט ביסטו.

אין מערב־זייט אַ באַרג מיט שפּיצן גאָלד און בלוט.
אַן אויסגעהאַקטער וואַלד. און ביי אַ וואָרצל רוט
אַ ברוינער פּריירי־זון. קיין מענטש, חוץ אים, אַרום —
אַליין אין ווייטן סטעפּ און אָפּגעלאָזט און שטום
מיט אויגן ברייט און גרויס צום רויטן מערב־זוים
די זון פאַרגייט. די שטילקייט שרייט און ער — אַ טרוים
פון מידער בענקעניש און האָפנונגסלאָזער רו.
איך שליס די אויגן צו — די טרוימגעשטאַלט ביסטו.

און בילד נאָך בילד אַזוי. און דו אויף יעדן בילד, —
דאָ ווי אַ וואָלקן שווער און דאָ ווי זונשיין מילד,
און אויסגעשטרעקט האָב איך די הענט מיינע צו דיר,
נאָר פרעמד פון אומעטום האָסטו געקוקט אויף מיר.
כ׳האָב אויך דאָס בילד געזען, וואָס איך האָב אין מיין פיין
אַליין מיר אויסגעטרוימט — אַן אָפּרו דיר צו זיין, —
דאָרט האָב איך דיך געזוכט... געזוכט... געוואָלט דיך זען,
נאָר דאָרט בין איך אַליין די טרוימגעשטאַלט געווען.

דער זייגער גייט

דער זייגער גייט, דער זייגער גייט.
און פויל ווי האַרבסט, און גרוי ווי בליי
קומט שעה נאָך שעה און גייט פאַרביי.
און ווי אַ קאַרטן־הויז צעפאַלט
די בריק, וואָס פירט פון יונג צו אַלט —
און קראַנקע שטאַרבן יונגערהייט —
דער זייגער גייט.

דער זייגער גייט, דער זייגער גייט.
און שטום ליגט דאָ, און שטום ליגט דאָרט —
אַ דאָרף, אַ שטאָט, אַ וויסטער אָרט.
און דורך דער פינצטער, שווער און לאַנג
קומט אָן און שטאַרבט אַ גלאָקן־קלאַנג,
און קלינגט און קלאָגט נאָך טויטערהייט —
דער זייגער גייט.

דער זייגער גייט, דער זייגער גייט.
און ווי אַ הויפן שטויב אין וועג
ליגט ערגעץ־וואו אַ בינטל טעג,
און קלאָגט, ווי אויף דער האַרטער שוועל,
אַ מערדער אין זיין טויטן־צעל
און ווי אַ הונט אויף פרעמדער קייט —
דער זייגער גייט.

דער זייגער גייט, דער זייגער גייט.
און וואַקלענדיק, און שוואַרץ און שווער
אַ טויטן־וואָגן קומט אַהער,
און ווי אַ גרויער, שווערער שטיין,
ליג איך אין אים אַליין און וויין,
פון זיך אַליין אין וועג באַגלייט —
דער זייגער גייט.

ווער ווײנט

ווער ווײנט אַזוי? ווער זינגט אַזוי? וואָלט כאָטש אין אַזאַ נאַכט
אַ בלאָנדזשענדיקער נויט־סיגנאַל פון ערגעץ זיך געבראַכט.
וואָלט כאָטש אַ ווײַטער פײַער־שײַן אַ בלאַנק געטאָן אַהער.
דאָס אײגענע געזאַנג איז שווער — איז ווי אַ מיל־ראָד שווער
אין אַזאַ נאַכט. דאָס אײגענע געזאַנג איז קאַלט און גרוי —
איז קאַלט און גרוי, ווי אַ פאַרוואָרלאָזטע און פרעמדע פרוי,
וואָס זיצט אין נעפּל אײַנגעהילט, דעם קאָפּ אויף בײדע הענט,
מיט אויגן, שוין פון ווײנען רויט, צום ים אַרויס געווענדט.
דאָס אײגענע געזאַנג — דאָס איז די אײביק־בלינדע שרעק,
וואָס רויבט דײַן רו בײַ דיר און נעמט בײַ דיר דײַן שלאָף אַוועק
און טראָגט אים, ווי אַ וואָלקן, ערגעץ אין דער נאַכט אַרום.
דאָס איז דאָס קול פון אַ פאַרשאָלטענעם, וואָס קלאָגט זיך שטום
אין בלוט בײַ דיר. דאָס איז דײַן בלוט, וואָס קלאָגט פון זיך אַרויס
די שווערקײט פון דער וויסטעניש, וואָס שפּרייט אין דיר זיך אויס.
דאָס איז דאָס רעטעניש פון זיך אַלײן — די גרויע פּײַן,
וואָס דו וועסט קײנמאָל, קײנמאָל שוין פון איר דערלייזט ניט זײַן.

פון וואַנען?

פון וואַנען און וועמעס געוויין
דערטראָגט זיך אַהער אין דער נאַכט?
איז עמעץ ווי איך דען אַליין?

אַן עלנטע פרוי ערגעץ וויינט —
מען האָט איר אין חלום ביינאַכט
אַ בריוו מיינעם איבערגעליי׳נט.

מען האָט איר געליי׳נט, אַז איך שעלט
מיין מאַמע, דאָס ווייב אין דער נאַכט,
וואָס האָט מיך געבראַכט אויף דער וועלט.

דעריבער דערגייט איר געוויין
פון איבערן ים אין דער נאַכט
צו מיר, וואָס איך בין דאָ אַליין.

אַליין

ציגיינער דו, אין וויסטן סטעפּ,
וואוהין דו זאָלסט ניט גיין, —

מיין גרוס צו דיר — ווי דו בין איך אַליין,
אַליין.

און דו, וואָס ליגסט אין מיטן שטאָט,
דעם קאָפּ אויף האַרטן שטיין, —
מיין גרוס צו דיר — ווי דו בין איך אַליין,
אַליין.

ווינט און רעגן

די טיר איז פאַרריגלט, דאָס פענצטער פאַרמאַכט.
דער מענטש אָבער דאָרט, וואָס איך זע אים אַליין,
ווער איז ער? וואָס ליגט ער דעם קאָפּ אויף אַ שטיין?
צי קען ער זיך דען ערגעץ אַנדערש ניט לייגן?
וואָס קלאָגט ער אַזוי ווי דער ווינט אין דער נאַכט?
וואָס וויינט ער אַזוי ווי דער רעגן?

די טיר איז פאַרריגלט. דאָס פענצטער פאַרמאַכט.
דער מענטש אָבער דאָרט, וואָרעם שטרעקט ער די האַנט
און ווייזט מיר דעם זייגער וואָס הענגט אויף דער וואַנט?
דער אומרו — וואָס הערט ער ניט אויף זיך באַוועגן?
וואָס קלאָגט ער אַזוי ווי דער ווינט אין דער נאַכט?
וואָס וויינט ער אַזוי ווי דער רעגן?

וואָס נאַרסטו זיך אָפּ?

און אַז דו פאַרגראָבסט שוין אין קישן דיין קאָפּ —
און אַז דו ווילסט גאָרנישט, מער גאָרנישט ניט פרעגן, —
וואָס נאַרסטו זיך אָפּ מיט אַ ווינט און אַ רעגן,
וואָס נאַרסטו זיך אָפּ מיט אַ מענטש אויף אַ שטיין,
ווען וויינען זיך הערסטו אַליין, זיך אַליין —
וואָס נאַרסטו זיך אָפּ?

און אַז דו ווילסט מער שוין ניט בלייבן אַליין, —
וואוהין וועסטו לאָזן זיך גיין אויף די וועגן?
אַז גוט איז אַזוי דיר אין ווינט און אין רעגן
צו ליגן אַליין אין דער פינצטערניש דאָ,
צו בענקען אַהין וואו קיין וועג איז נישטאָ —
וואוהין וועסטו גיין?

ביים שפּיגל

ווי פון חלום קינדער קראַנקע
וועקן זיך געדאַנקען,
וויינט אין זיי דאָס גרויע לעבן
פון אַ מענטש אַ קראַנקן.

טראַכסטו ווער דאָס איז דער קראַנקער, —
זעסטו אים אין שפּיגל.
ווילסטו ווייט פון אים אַוועקפליִ'ן, —
האָסטו ניט קיין פליגל.

קלאַפּט דער זייגער

קלאַפּט דער זייגער און דער אומרו
הוידעט זיך אַהער־אַהין.
טראַכט איך צי איך וועל שוין קיינמאָל
אַנדערש ווערן ווי איך בין.

וויינט אין מיר דער מענטש, וואָס אייביק
איז ער פרעמד צו זיך אַליין;
שפּילט זיך, ווי אַ האַנט מיט סטרונעס,
עמעצער מיט מיין געוויין.

ווילסטו וויסן?

ווילסטו וויסן וואו דו ביסט? —
צווישן פעלזן ווילד און וויסט,
צווישן וואָלקן, ווינט און שטיין
ביסטו אין דער נאַכט אַליין.

ווילסטו וויסן וואָס דו טוסט? —
נישט דו טוסט און נישט דו רוסט,
נאָר דו לאָזט די הענט אַראָפּ,
און דו בויגסט און בויגסט דיין קאָפּ.

ווילסטו וויסן וואָס דו ווילסט? —
פרעג די אומרו, וואָס דו שילסט.
פרעג דעם גלאָקן־קלאַנג, וואָס קומט
און צעפאַלט זיך, און פאַרשטומט.

ווי פינצטער

ווי פינצטער איז יענעם, וואָס טרינקט זיך אין ים
און זעט ניט פון ווייטן קיין שיף;
ווי פינצטער איז יענעם, וואָס הענגט אויף אַ פעלז
און אונטן דער אָפגרונט איז טיף.
ווי פינצטער איז מיר, וואָס איך זע דאָס, און טראַכט
אין מיטן דער שטאָט און אין מיטן דער נאַכט.
ווי פינצטער איז מיר, אָ, ווי פינצטער איז מיר.

ווי פינצטער איז יענעם, וואָס וואַרט אויף אַ טרייסט,
און טרייסטן קאָן קיינער אים ניט.
ווי פינצטער איז יענעם, וואָס וואַרט אויפן טויט,
און הערט שוין פון תּליון די טריט.
ווי פינצטער איז מיר, וואָס איך שרעק זיך און קלער,
אַז איך וואַרט אויף קיינעם און גאָרנישט ניט מער.
ווי פינצטער איז מיר אָ, ווי פינצטער איז מיר.

וואָס ווילן זיי?

ס'איז פינצטער מיר אַזוי נאָך קיינמאָל ניט געווען —
דאָס איז דער סוף וואָס קומט. איך וואַרט עס זאָל געשען.
איך זע שוין איצט די לייט, וואָס וויינען אַרום מיר.
פאַר זיי איז וואונדערלעך צו זען ווי איך קראַפּיר.
וואוהין אַנטלויפט מען עס פון אָט־אָ־דעם געוויין?
וואָס לאָזן זיי מיך ניט כאָטש פּגרן אַליין?
וואָס ווילן זיי, וואָס טוען זיי מיר איצט נאָך ווייַ?
וואָס ווילן זיי? וואָס ווילן זיי? וואָס ווילן זיי?

דאָס געשעענע

האָט זיך אַ דונער צוטראָגן געבראַכט —
ברעכן זיך וואָלקנס אין מיטן דער נאַכט,
גיסן זיך טייכן פון בערג נאָכאַנאַנד;
ברעקלען זיך פעלזן אַ וואַנט נאָך אַ וואַנט;
שווינגט זיך אַ טורעם-גלאָק הין און צוריק,
טרעפט אים אַ בליץ און צעהאַקט אים אין שטיק,
ווארפט זיך אַ דאָרף, ווי אין שטורעם אַ שיף,
טרינקט זיך אַ שטאָט און פאַרזינקט אין דער טיף;
ראַנגלען זיך מענטשן מיט כוואַליעס און שוים,
שטרעקן זיך הענט צו אַ שפּיץ פון אַ בוים,
שליידערן זיך פון די צווייגן אַראָפּ
פייגל מיט נעגל אויף נאַקן און קאָפּ —
ברענען געשרייען ווי פייערן רויט,
שטיקט און דערווערגט און פאַרשלינגט זיי דער טויט.

דאָס לעצטע ליד

האָט מען אויפגעהערט אין גאָט צו גלויבן,
איז די ליבע אויך אַוועקגעגאַנגען —
האָבן מענטשן זיך אין טייך געוואָרפן,
האָבן מענטשן זיך אין וואַלד געהאַנגען.

האָט זיך אָפּגעטאָן פון טייך דער הימל,
האָט אין וואַלד דער פויגל שטיל געשוויגן,
זענען פאַסטעך-פּלייט און אַקער-אייזן
אויפן פעלד געבליבן הפקר ליגן.

איז געוואָרן פון דער ערד אַ מדבר,
האָבן אַלע וועגן זיך פאַרלאָרן —
איז דער נביא אויף אַ שטיין געזעסן,
ביז ער איז אַליין אַ שטיין געוואָרן.

ווער איז?

ווער איז, ווער איז דער רייטער דאָרט,
וואָס רייט און רירט זיך ניט פון אָרט?
זיי שטיל, מיין בלוט, זיי שטיל, ניט וויין,
דער רייטער דאָרט בין איך אליין.

אין האַלבער נאַכט אין מיטן וועלט,
ווער האָט פאַר אים דעם וועג פאַרשטעלט?
זיי שטיל, מיין בלוט, זיי שטיל, ניט וויין,
דער רייטער דאָרט בין איך אליין.

און אַז ס׳איז פינצטער אומעטום,
וואָס קערט דער רייטער זיך ניט אום?
זיי שטיל, מיין בלוט זיי שטיל, ניט וויין,
דער רייטער דאָרט בין איך אליין.

V

אַ נאַכט

I

אַ־האַי, אַ־האַ — — — —
ווער רופט אַזוי? ווער איז דער מענטש, וואָס איז אַראָפּ
פון באַרג אין האַלבער נאַכט? און ווילדעסטן גאַלאָפּ
איז ער אַראָפּ פון דאָרט, מיט אויסגעשפּרייטע הענט.
האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע פעלזן־ווענט
אַ רייטער־פאָלק נאָך אים, מיט בייטשן אין דער הויך,
וואָס האָבן זיך געדרייט פון צווישן וואָלקנס רויך,
ווי בליצן שאַרף. און פלאַמען זענען הער און הין
געפלויגן דורך דער נאַכט, ווי ווילדע פייגל פלי׳ן.
און עכאָ־ווייט, און ברייט, און נאָך און נאָכאַמאָל —
האָט זיך דער ווילדער רוף געטראָגן דורכן טאָל —
אַ־האַי, אַ־האַ — — — —
אַ־האַי, אַ־האַ — — — —

II

אין פרעמדן הויז — אין האַלבער נאַכט —
האָט אָנגעצונדן זיך דאָס הויז,
האָב איך געזוכט אַ וועג אַרויס,
איז יעדע טיר געווען פאַרמאַכט.
האָב איך ווי אַ צעהאַקטע שלאַנג
געוואָרפן זיך, אַהין־צוריק,
און אויסגעשפּרונגען בלוטנדיק,
און אומגעפאַלן גסיסה־קראַנק.

איז ווי דורך כּישוף מיט אַמאָל
פאַרשוואונדן הויז מיט דאַך און פּלויט,
און ס׳האָט דאָס פייער גלוטיק־רויט
אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן טאָל.

האָט קלויסטער־קלאַנג און פּי־געברום,
און ווײ־געשריי פון מענטש און קינד,
מיט קלאַג פון ווינט און וועלף און הינט
זיך אָנגעיאָגט פון אומעטום.

האָב איך נאָך הילף געררופן הויך —
האָט קיינער ניט מיין רוף געהערט,
און שוין האָט אונטער מיר פון דר׳ערד
אַרויסגעזעצט אַ וואָלקן רויך.

איז אָנגעלאָפן, אין די הענט
מיט ליכט און פאַנען, פון דער ווייט,
אַנטקעגן מיר אַ מחנה לייט —
האָב איך שוין קלאָגן ניט געקענט.

האָב איך פון פינגער אויסגעדאַרט,
אַליין געזויגט מיין אייגן בלוט,
און מיט אַ צונג פון זשאַר און גלוט,
צו זייערע טרינק־טעפּ זיך געשאַרט.

האָט איינער מיר געשטעלט אַ ליכט,
געלייגט אַ צלם אויף מיין האַרץ,
און מיט אַ טלית ווייס און שוואַרץ
פאַרדעקט מיר אויגן און געזיכט.

האָט אים די מחנה נאָכגעטאָן,
און מיט געזאַנג און מיט געברום
צעשטעלט די ליכט אין ראָד אַרום.
און מיך פאַרדעקט מיט פאָן נאָך פאָן.

דאָ האָט ווי פון דער ערד אַרויף
אַ קול זיך ביז צו מיר געבראַכט:
— פאַרשאָלטענער! עס ברענט די נאַכט —
עס פרעסט דאָס פייער לענדער אויף —

און דו, פון סאַמע הויט און ביין,
וואָס וויקלסטו, ווי מיט אַ ווייב,
מיט פאָנען־שמאַטעס זיך דאָס לייב,
און קייקלסט זיך אויף זאַמד און שטיין?

שטיי אויף, און פלי מיט אַלץ וואָס פליט,
וואו נאָר ס׳איז דאָ אַ וועג אַרוים.
דען זע: דאָס פייער שפּרייט זיך אוים.
און ווי צו דעם וואָס איילט זיך ניט.

האָב איך געוואָלט שוין טאָן אַזוי.
האָב איך געריסן פיס און הענט
פון פאָן נאָך פאָן וואָס האָט געברענט,
געפלאַקערט שוין, ווי טרוקן שטרוי.

און אַז איך האָב מיין לעצט געשריי,
אַרויסגעקרעכצט דורך ציין-געקריץ —
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ בליץ
און דורכגעהאַקט די ערד אויף צוויי.

און אויף אַ פערד, דורך פלאַם און רויך,
אויף הענט און פיס מיט שטיקער קייט,
איז איינער אין אַ ווייסן קלייד,
אַרונטער פון דער העכסטער הויך.

און שרייענדיק, און ווי דער ווינט
איז ער אַראָפּ אין טיפן תהום,
זיך טרינקענדיק אין בלוט אַ שטראָם,
מיט מענטש און מויז, און הינט און קינד.

און ברענענדיק האָט ברעג נאָך ברעג
זיך אָפּגעריסן נאָכאַנאַנד.
און דאָרף און שטאָט און לאַנד נאָך לאַנד
איז מיטן רויטן שטראָם אַוועק.

III

און ברענגען וועט פרידן און רו פאַר דער ערד
אַ קעניג, וואָס קומט אויף אַ שנייוויסן פערד.
צי דאָס איז אַ בענטשונג, צי דאָס איז אַ פלוך —
אַזוי שטייט געשריבן אין הייליקן בוך.
— והיה באחרית הימים.

געגליט האָבן שטערן און בלומען געבליט,
געזונגען אין וואַלד האָט דער פויגל זיין ליד,
געוואַרט האָט דאָס לעבן אָן אייביקייט לאַנג
דעם קעניג אַנטקעגן צו גיין אויף זיין גאַנג.
— והיה באחרית הימים.

דורך פייער און בלוט און פאַרוויסט איז די ערד.
און וועמען האָט איבערגעלאָזן די שווערד?
אויף וועמען וועט פאַלן זיין הייליקע שיין,
וואָס וועט ווי די זון אַזאַ לויטערע זיין?
— והיה באחרית הימים.

אַ, קעניג, מיין דורות פאַרהייליקטער, דו,
פאַר וועמען דיין פרידן? פאַר וועמען דיין רו?
דאָס בלוט פון די דורות פאַרגאָסן פאַר דיר
וועט קומען און מאָנען אַן ענטפער פאַר מיר.
— והיה באחרית הימים.

IV

דורך פייער און בלוט. צו דערלייזונג, צו שטראָף?
וואָס טראַכסטו? וואָס רויבסטו אַליין זיך דעם שלאָף?

געבליבן איז לעבן אַ מענטשעלע בלויז,
אַן אָרעמס, אַ קראַנקס, ווי אַ פינגער די גרויס.

וואָס טוט אַזאַ מענטשעלע איינער אַליין?
עס שפּילט זיך מיט פייער, מיט בלוט און געוויין.

צו וואָס אַזאַ שפּילכל? צו וואָס אַזוי טאָן?
אַ מענטשעלע האָט פאַרגעניגן דערפון.

עס בראָט זיך אין פייער און בראָט זיך ניט אָפּ.
עס טרינקט זיך אין בלוט און עס זינקט ניט אַראָפּ.

עס קומט אויך צו קינדער וואָס וויינען ווי דו
און רויבט מיט געשרייען אַוועק זייער רו.

און ווילד, ווי מיט שטיינער, באַוואַרפט ער מיט שרעק,
און פליט מיטן שלאָף אין אַ מדבר אַוועק.

V

דורך פייער און בלוט און די וועלט וועט פאַרגיין.
בלייבט איבער אַ מענטשעלע איינער אַליין, —
אַליין אונטער אייזערנע טירן פאַרמאַכט,
ווי דו, אין דער פינצטערער נאַכט.

און דאָ — אַז דו ליגסט און דו הערסט זיין געוויין,
און דאָ — אַז דו ליגסט און דו וויינסט שוין אַליין,
ווי וועסטו אים טרייסטן, פאַרשאַלטענער, דו,
אַז דו האָסט אַליין ניט קיין רו?

און דאָ — אַז ער הענגט אויף אַ צלם וואָס ברענט
מיט וואונדיקן האַרץ און מיט וואונדיקע הענט,
וואָס העלפט דיר די שיין, וואָס דו זעסט אַרום קאָפּ,
ער הענגט דאָך פון צלם אַראָפּ?

דערטרוים זיך צו זיין ווי די נאַכט אַזוי בלינד.
פאַרפאַלן. דאָס בלוט פונעם צלם וואָס רינט,
וועט רינען און רינען און וויינען אין דיר,
אַזוי ווי מיט טויזנט יאָר פריִ׳ר.

דערטרוים זיך צו זיין, ווי דער ווינט אַזוי גיך.
פאַרפאַלן. דו וועסט ניט אַנטלויפן פון זיך.
עס וועלן די ערד און דער הימל פאַרגיין
און דו וועסט דאָ בלייבן אַליין.

VI

האמערן אין קאָפּ די שלייפן
קען איך ניט אַנטשלאָפן ווערן,
פּרעס איך איין דעם קאָפּ אין קישן
איך זאָל מער ניט זען, ניט הערן.

קומט דאָס מענטשעלע און וועקט מיך,
פריער מיט אַן עלנבויגן,
נאָכדעם שטרעקט עס אויס די הענטלעך
און עס מאַכט מיר אויף די אויגן.

פרעג איך: מענטשעלע, ווער ביסטו?
גיט עס זיך אַ בויג אַרונטער
און פון דר'ערד אַ קאָפּ אַ טויטן
הויבט עס אויף און טראָגט מיר אונטער.

— אָט דעם קאָפּ אַז דו וועסט שטעלן
אויף אַ ווייסן מירמל־שטענדער, —
קאָן דאָס זיין אַ ווערק צו פירן,
ווי אַ וואונדער דורך די לענדער.

קוק איך אויף דעם קאָפּ דעם טויטן,
קלאַפּט דאָס האַרץ און וויל ניט גלויבן,
זעט דאָס מענטשעלע מיין פּחד, —
העלפט עס מיר זיך אויפצוהויבן.

און אַזוי ווי פריער, ווידער,
גיט עס זיך אַ בויג אַרונטער
און אַ טאַפּ, און אויך אַ טלית
הויבט עס אויף און טראָגט מיר אונטער.

בלומען אין דעם טאָפּ פון טשאָלנט,
רויזן אָדער אַנד׳רע סאָרטן, —
קאָן דאָס ווערן אַ וואַזאָנע.
וואָס מעג שטיין אין שענסטן גאָרטן.

איז מיט בלוט באַפלעקט דער טלית,
זאָגט מען זיך: אויך דאָס איז בלומען.
קאָן דאָס זיין אַ יום-טוב-טישטעך,
וואָס איז זעלטן צו באַקומען.

שטייט דאָס מענטשעלע און בעט זיך
אָט אַזוי-אָ מיר אַנטקעגן, —
ווייס איך ניט וואָס זאָל איך זאָגן,
ווייס איך ניט וואָס זאָל איך פרעגן.

פרעג איך פיל עס קאָסט דער טלית
און פון וואַנען? און פון וועמען?
ווײנט דאָס מענטשעלע און בעט זיך;
איך זאָל טויטע ניט פאַרשעמען.

פרעג איך: מענטשעלע, וואָס טויג מיר
אַזאַ קאָפּ? ווער דאַרף אים האָבן?
האָסט אים דאָך געקאָנט וואו ערגעץ
אויף אַ הייליק אָרט באַגראָבן?

וויגט דאָס מענטשעלע זיין קעפּל
און עס הויבט זיך אָן באַקלאָגן;
אַז עס ברענגט דעם פּאַק מיט סחורה
אַזש פון יענער זייט צוטראָגן.

און אַז ס׳האָט דעם קאָפּ דעם טויטן
אין אַ חזיר-שטאַל געפונען,
און אַז ס׳איז אַליין פון דאָרטן
מיטן לעבן קוים אַנטרונען.

VII

— וואָס נעמסטו דיין האַנט ניט אַראָפּ פון מיין האַרץ?
— ניין, ברודער, דאָס איז ניט מיין האַנט אויף דיין האַרץ.
דאָס זענען מתנות, וואָס איך האָב מיט מיר,
געבראַכט פון די ווייטעסטע לענדער פאַר דיר.

— וואָס נעמסטו די שלאַנג ניט אַראָפּ פון מיין האַרץ?
— ניין, ברודער, דאָס איז ניט קיין שלאַנג אויף דיין האַרץ.
דאָס ליגט לעבן דיר מיט אַ נאַקעטן ווייב
דער האַר פונעם לעבן אַ לייב צו אַ לייב.

— וואָס נעמסטו דעם שטיין ניט אַראָפּ פון מיין האַרץ?
— ניין, ברודער, דאָס איז ניט קיין שטיין אויף דיין האַרץ.
דאָס זיצט אין אַ ווינקל די קליפּה, די נויט,
איר פּוס אויפן קאָפּ פונעם פינצטערן טויט.

— וואָס נעמסטו די שפּין ניט אַראָפּ פון מיין האַרץ?
— ניין, ברודער, דאָס איז ניט קיין שפּין אויף דיין האַרץ.
דאָס איז שוין דער אָנהויב פון וואַנזין אין דיר,
וואָס שרעקט זיך פאַר גאָרנישט אַזוי ווי פאַר מיר.

VIII

שפּרייט איך אוים די אויגן מער,
ווערט ווי בליי דער קאָפּ מיר שווער.
ווייס איך ניט פאַרוואָס איך וויין,
קומט דאָס מענטשעלע צוגיין
נאָכאַמאָל, און ווײנט ווי איך,
און עס רופט מיך צו זיך,
און עס שעפּטשעט: ברודער מיין,
ווער איז שולדיק אין דיין פּיין?
האָסטו דאָך אַליין געבענקט
זען דיין טאַטן ווי ער הענגט.

הענגט ער און ער וויגט זיך שטום
פאַר די אויגן דיר אַרום.
מיינסטו אַז דאָס איז אַ טרוים?
ריר־זשע אָן אַליין דעם בוים
און דעם טאַטנס הענט און פיס,
וועסטו זען ווי קאַלט ער איז.
זע די אויגן. זע ווי גרויס,
און די צונג וואָס שטעקט אַרויס.
רייס אים אויס די האָר פון באָרד,
זאָגן וועט ער ניט קיין וואָרט.
מאַך דיין טאַשן־מעסער אויף,
פיר עס דורך זיין בויך אַרויף.
קלאַפּ אים אויס זיין לעצטן צאָן.
פאַר זיין נאָז צינד פייער אָן.
ברען און בראָט אים, רייס און פליק.
הענגען בלייבט ער אויפן שטריק,
און געגנוי, נאָך דיין באַגער,
וויגט ער זיך אַהין־אַהער.
וואָס־זשע ווייסטו ברודער מיין,
ווער איז שולדיק אין דיין פּיין? — — —

IX

הענגט דער טאַטע אויפן בוים —
וויל איך דאָס זאָל זיין אַ טרוים.

טראַכט איך ווי ר'האָט אויסגעזען,
ווען איך בין אַ קינד געווען.

שפּאַנט ער אום אַרויף אַראָפּ.
טוט אַ זיפץ, און וויגט דעם קאָפּ.

ציט אַ ברעם, און גלעט די באָרד.
רעדט אַרויס אַ האַלבן וואָרט.

כאַפּט זיך מיט דער האַנט ביים ברוסט..
בויגט זיך איין און טוט אַ הוסט.

שפּאַנט ער אום ,און הוסט און רעדט.
בלייבט ער שטיין אַ ווייל ביים בעט.

קוקט ער שטום אויף מיר און לאַנג,
דאַכט זיך מיר אַז איך בין קראַנק.

קראַנק און געל, ווי ער אַזוי,
און מיין קאָפּ איז אויך שוין גרוי.

זאָג איך: טאַטע, דעק מיך איין,
ועט מיר אַזוי קאַלט ניט זיין.

ווייזט ער מיר מיט שטומען וואונק —
שניי ביי אים אויף קאָפּ און צונג.

פרעג איך אים וואו ר'איז געווען,
וואָס מען האָט אים ניט געזען.

ווייזט ער מיט אַ פינגער שטום,
שטריק אַרום זיין האַלדז אַרום.

קוק איך, ווערט מיר אַזוי שווער.
ווייס איך ניט, וואָס זאָגן מער.

זאָג איך: טאַטע, וויג מיך, וויג.
לאָמיך זיין אַ קינד צוריק.

הויבט ער קאַלט די אויגן אויף,
איבער זיך צום בוים אַרויף.

און מיט פּים און הענט ווי שטיין
וויגט ער זיך אַרום אַליין.

X

בענק איך נאָך דער קינדער־צייט
וואָס איז דרייסיק יאָר שוין ווייט,
קומט דאָס מענטשעלע אַפּיר,
און עס הויבט זיך אויף צו מיר:
און עס שעפּטשעט: ברודער מיין,
וואָס דו ווילסט — דאָס זאָל זיין.
און עס שפּרייט דאָס זעקל אויס,
און עס שלעפּט פון דאָרט אַרויס
אַ פאַרצייטיק מאַנטל־קלייד,
פּורפּור־רויט און לאַנג און ברייט.
הענגען אויף אים פליגל צוויי,
קויטיקע ווי אַלטער שניי.
קריכט דאָס מענטשעלע אַריין
אין דעם קלייד, און הילט זיך איין.
און אַ שטריימל מער ניט גאַנץ,
מיט אַ גרינעם לאָרבער־קראַנץ,
טוט עס אָן זיך אויפן קאָפּ,
איבער די אויערן אַראָפּ.
און אַ האַרף מיט סטרונעס רויט,
פול מיט זשאַווער און מיט קויט,
שטעלט עס לעבן זיך אויף דר׳ערד,
און מיט אויגלעך צוויי פאַרטרערט,
פרום־פאַרגלייסט אַרויף־צו־צו,
הויבט עס אָן דאָס איי־ליו־ליו,
וואָס מען האָט מיט יאָרן פריי׳ר,
ביי מיין וויג געזונגען מיר.

XI

אַז דו וועסט באַצאָלן, ברודער,
וועסטו אין קאַליאַסן פאָרן —
איי-ליו-ליו, ליו-ליו.
וועסטו נישט באַצאָלן, ברודער,
וועסטו גיין אויף שטיין און דאָרן —
מאַך-זשע שוין די אויגלעך צו.
איי-ליו-ליו, ליו-ליו.

ווי אַ הונט אַ פרעמדן וועט מען
דיך פון אַלע טירן טרייבן —
איי-ליו-ליו, ליו-ליו.
וואו דו וועסט אַ טאָג פאַרברענגען,
וועסטו נעכטיקן נישט בלייבן —
מאַך-זשע שוין די אויגלעך צו.
איי-ליו-ליו, ליו-ליו.

וועסטו אויף אַ שטיין זיך זעצן,
שלאָגן זיך אַליין אין האַרצן —
איי-ליו-ליו, ליו-ליו.
וועט די מאַמע רחל וויינען
אויף דיין גורל אויף דעם שוואַרצן —
מאַך-זשע שוין די אויגלעך צו.
איי-ליו-ליו, ליו-ליו.

וועט משיח מער ניט קאָנען
איר געוויין אַריבערטראָגן —
איי-ליו-ליו, ליו-ליו.
וועט ער זיך פון קייטן רייסן
און דעם קאָפּ אָן שטיין זיך שלאָגן —
מאַך-זשע שוין די אויגלעך צו.
איי-ליו-ליו, ליו-ליו.

XII

זינגט דאָס מענטשעלע ליו-ליו,
פאַלן מיר די אויגן צו.
זע איך שוין אַ יינגל זיך
אין מיין טאַטנס ראָק און שיך.
וויל איך ניט אין חדר גיין,
לייג איך זיך אויף דר'ערד און וויין.
וואַרפט די מאַמע מיך אַרויס,
שטיי איך ביי דער וואַנט פון הויז.
בלאָזט מיט שניי אויף מיר דער ווינט.
פיל איך ווי דאָס וואַסער רינט
פון מיין קאָפּ קאַלט אַראָפּ.
וויש איך מיט אַן אַרבל אָפּ.
פאַלט דער גראָשן מיר פון האַנט,
לייג איך זיך אין שניי ביים וואַנט,
און עס טוט מיר אַזוי באַנג,
וואָס איך קאָן ניט ווערן קראַנק.
קומט דער פריץ פון דער מיל,
טוט זיין הונט אויף מיר אַ ביל.
גנבע איך פאַר אים אַרויס,
אַ כזית ברויט פון הויז.
כאַפּט דער הונט דאָס ברויט און קייט.
קומט די מאַמע און זי שרייט —
שרייט און שילט מיך מיטן טויט,
וואָס איך טראָג פון הויז דאָס ברויט,
ווען דער טאַטע אויפן מאַרק
האָרוועט נעבעך אַזוי שטאַרק,
און ער פרירט דאָרט אין דער קעלט
ווייל מען דאַרף שכר-לימוד-געלט.

XIII

הער איך ווי די מאַמע שילט,
און דעם הונט וואָס שפּרינגט און בילט,
און דעם פּריץ ווי ער לאַכט, —
דאַכט זיך מיר אַז ס'איז ביינאַכט
און דער פּריץ מיט געברום
דרייט זיך אַרום מיר אַרום,
ווי אַ בייזער שווארצער בער,
טאַנצנדיק אַהין־אַהער.
ברומט דער פּריץ און ער שפּרינגט,
טאַנצט די מאַמע מיט און זינגט.
שפּרינגט דער הונט אַריין אין ראָד,
און עס ווערט אַ קאַראַהאָד.
לויפט אַ ייד די גאַס אַראָפּ,
רינט ביי אים דאָס בלוט פון קאָפּ,
זע איך ווי ער שפּרינגט פון פיין
און ער פלעכט אין ראָד זיך איין:
קומען יידן נאָכאַנאַנד,
בלוטנדיק פון קאָפּ און האַנט.
קומען טאַנצנדיק אַרוים
לייט פון שול און לייט פון קלויז.
לויפן אָן די ווייבער אויך,
פליען פעדערן פון בויך.
קומט אָן אַלטער ייד, וואָס ברענט,
מיט אַ תורה אין די הענט.
פלעכטן זיך אַריין אין טאַנץ
יידן נישט־דערקוילעט גאַנץ.
קומט מיט אַ געהרגעט קינד,
און מיט האָר צעלאָזט אין ווינט,
און מיט אויגן גרוים און גרין,
אַ משוגענע צופלי'ן.
טאַנצט די גאָס מיט הויז און קלויז,
טאַנצט פון ברעג דער טייך אַרוים

מיט א כוואַליע בלוט און שוים.
טאַנצט ביים ברעג פון טייך דער ביים.
טאַנצט דער טאַטע אויפן שטריק,
מיט אַ גלעזערדיקן בליק.
קומען מתים — לאַנג שוין טויט,
שפּרינגענדיק מיט פאַנען רויט.
און מיט פאַנען, בלוי און ווייס,
קומען גאַנצע קופּעס מייז
הינטער זיי, אַלץ מער און מער,
פון דער אַפּטריט־וואַנט אַהער.
דרייט זיך אַלץ מיט פּיס אין בלוט,
און מיט קעפּ און רויך און גלוט,
רינגלען אַלע מיך אַרום,
ווייל איך שרייען — בין איך שטום.
פּרוּאוו איך אויפהויבן אַ האַנט,
ריר איך אָן אַ קאַלטע וואַנט.
הער איך ווידער, ווי מען קלינגט
אויף אַ האַרף, און ווי מען זינגט.
עפן איך די אויגן ווייט,
שטייט דאָס מענטשעלע ביים זייט —
ביי מיין בעט אַנטקעגן מיר —
אָנגעטאָן אַזוי ווי פּריץ'ר
און מיט שטיינערדיקער רו
וויגט עס זיך און זינגט ליו־ליו.

XIV

קלינגען ריטמיש האַרף און ליד —
טאַנצן אַלע, טאַנץ איך מיט.
האַלאַלאַ, האַלי, האַלי —
ברעכט מען איין די טיר אין הויז,
זעצט מען אונדז די שויבן אויס,
טוען טיר און גלאָז אַ פלי —
האַלאַלאַ, האַלי!

קלינגען שפּאָרן, קלאַפּן פּיס.
בלאַנקען ביקסן, שווערד און שפּיז.
האָלאָלאָ, האָלי, האָלי —
שפּרינגט מיין שוועסטער — אזא מויד —
נאַקעט איבער צוים און פּלויט,
טוט דאָס העמד אַ וויסן פלי —
האָלאָלאָ, האָלי!

איז דער בוים דעם טאַטנס וויג,
קנאַקט דער צווייג און קרעכצט דער שטריק
האָלאָלאָ, האָלי, האָלי —
קומט דער ווינט פון דאָ און דאָרט,
כאַפּט דעם טאַטן ביי דער באָרד,
טוט דעם טאַטנס באָרד אַ פלי —
האָלאָלאָ, האָלי!

צינדט מען אונדז דאָס קבר אָן,
ברענט עס ווי אַ רויטער האָן.
האָלאָלאָ, האָלי, האָלי —
צינדט זיך אָן די וויסע נאַכט.
שטרעקט די מאַמע הענט און לאַכט,
און זי טוט אַ טאַנץ, אַ פלי —
האָלאָלאָ, האָלי!

שלאָגן קלויסטער־גלאָקן צוועלף.
שרייען ראָבן, וואָיען וועלף.
האָלאָלאָ, האָלי, האָלי —
רייסט דורך גאַסן זיך דער ווינט,
און ער בילט ווי טויזנט הינט,
און ער טוט אַ שפּרונג, אַ פלי —
האָלאָלאָ, האָלי!

XV

ליג איך מיד אויף מיין געלעגער.
כאַפּט דאָס מענטשעלע אַ מויז.
און אַ גרויסע פּושקע שלעפּט עס
פונעם בוזעמל אַרויס.

און די אַלטע קלאָג פון ווייבער
ביי אַ טויטן, מאַכט עס נאָך.
און עס מאַכט זיך גאַס די אויגלעך,
און עס יאָמערט אויף מיין בראָך.

אַז איך האָב שוין ניט קיין טאַטן,
רוימט עס מיר אין אויער איין,
און עס רייסט זיך פאַר די הערלעך,
און עס כליפּעט: — וואָס וועט זיין?

אָנגעוואוירן האָט דיין ברודער,
נעבעך, ביידע הענט אין שלאַכט.
קען ער זיך שוין מער ניט קראַצן —
נעמט אים ניט קיין שלאָף ביינאַכט.

ווער וועט פאַר אים דאַוונען איצטער,
ווער וועט תפילין לייגן — ווער?
און מיט שיקסע־בריסט זיך שפּילן
קען ער דאָך שוין אויך ניט מער.

און וואָס טויג שוין אַזאַ לעבן
אַז ס׳איז אַזוי פּוסט און וויסט,
אַז ער קאָן שוין אויך קיין שמאַטעס,
מער ניט קלייבן אויפן מיסט.

און דיין שוועסטער — ווי דער מאַמען —
אַזוי יונג נאָך — גאָר אַ קינד.
אוי, וואָס ווילן זיי, די גוים?
אויסגיין זאָל אויף זיי די זינד.

וואָס וועט טאָן איר חתן איצטער —
וואָס טויג אים די כלה שוין?
אַז אָן אומשולד איז אַ כלה,
ווי אַ מלכה אָן אַ קרוין.

אויך די מאַמע — וויי דער עלטער! —
איז אין משוגעים-הויז.
איז אין שטוב קיין זאַך געבליבן
חוץ אַ פּושקע און אַ מויז.

און די מויז אַ הונגעריקע,
טוט דאָך ווי דאָס האַרץ אויף איר, —
וויין איך, קלינג איך מיט דער פּושקע,
בעטל איך פאַר איר און מיר.

קלינגלקלאַנג — אַ גראָשן וויל איך.
קלינגלקלאַנג — אַ שטיקל ברויט.
ווער ס'עט געבן, דער וועט לעבן —
„צדקה ראַטעוועט פון טויט".

קלאָגט דאָס מענטשעלע און קלינגלט
אין דער פינצטער ביי מיין קאָפּ.
זע איך, ווי די טרערן רינען,
פון זיין פּנימל אַראָפּ.

דאַכט זיך אַז אַ שפּאַס איז אַלצדינג,
ווילט זיך נאָכמאַכן דעם שפּאַס, —
מאַך איך מיר ווי ער, די אויגן
מיט אַ ביסל שפּייעכץ נאַס.

הויבן מיר שוין אָן אינאיינעם
אַ געקלאָג און אַ געזאַנג.
העלפט אונדז מיט געקוויטש דאָס מייזל,
און די פּושקע מיט געקלאַנג.

XVI

און דריי מאָל אַ דריי — און דאָס מענטשעלע שטייט
שוין הויך אויפֿן טיש, אין אַ פּרעדיקער־קלייד.
און טייטלענדיק צאַרנדיק אויף מיר, הויבט עס אָן:
אָן אויג פֿאַר אָן אויג און אַ צאָן פֿאַר אַ צאָן.
און האָט מען פֿאַרברענט דיר דאָס בעט און דעם דאַך,
איז — וואָיע ביים שוועל, ווי אַ הונט אויף דער וואַך.
די ערד פֿרעסן ווערעם. דער פֿויגל פֿרעסט זיי.
טאָ כאַפּ זשע, דו הונט, דיר, אַ פֿויגל אין שניי,
וואָס שפּרינגט מיט געפֿרוירענע פֿליגל און פֿיס
און טייל מיט דיין ברודער, אַ ביס נאָך אַ ביס.
און האָט ער קיין הענט ניט — אַ האַנט האַק אַראָפּ
פֿון אייגענעם אַקסל, און גיב זי אים אָפּ.
און האָט אויך דיין שוועסטער אַ ממזר געהאַט, —
דו שריי אַז עס הייסט „שוויענטע דוך” דער סאָלדאַט.
און אַז ס׳איז דער ממזר אַ קומענדער גאָט,
וואָס ברענגט אונדז, ווי יעזוס, בלויז ליבע און גנאָד.
און גלויבט מען דיר ניט — נעם דעם צלם פֿון האַרץ,
און נעם אויך דעם טלית האַלב ווייס און האַלב שוואַרץ,
און לייג זיי צוזאַמען און שפּיי אויף זיי אָן.
און דאַן הייס דיר ברענגען אַ פֿאָן נאָך אַ פֿאָן,
און פֿלעכט פֿון זיי אַלע אַ שטריק דיר צונויף,
און הענג ביי דער זייט פֿון דיין טאַטן זיך אויף,
און הוידע מיט אים זיך אַהין און צוריק
אַזוי ביז ס׳עט דורכגעפֿוילט ווערן דער שטריק,
אַזוי ביז אַ גוי וועט אייך ביידן אין דר׳ערד
באַגראָבן מיט זיינס אַ געפֿגרטן פֿערד.

XVII

פאַלט פון מענטשעלע אַן אָפּשיין
אויף די ווענט און אויף מיין בעט.
בריען זיינע רייד ווי פייער —
דאַכט זיך אַז אַ נביא רעדט.

היים איך מיר אַ סימן ווייזן.
טוט עס זיך דעם מאַנטל אויס.
ציט אַ שלאַנג אַ פייער־רויטע
פון זיין האַרצן זיך אַרויס.

זעט דאָס מענטשעלע, איך שאַר זיך
ציטערדיק צום וואַנט אַוועק.
שווערט עס מיר ביי ערד און הימל,
אַז איך האָב אומזיסטן שרעק.

ברודער — זאָגט עס — ס'האָט די שלאַנג נאָך
קיינעם ניט געקרימט קיין האָר.
זי איז בלויז געמאַכט דורך כישוף,
און איז מיין, שוין לאַנגע יאָר.

וואו איך טאָג און וואו איך נעכטיק,
טראָג איך זי מיט זיך אַרום.
פרעג די שטיינער אויף די וועגן,
פרעג די בעטלערס אומעטום,

פרעג די קעניגע, וואָס ליגן
לאַנג שוין טויטע אין דער ערד —
וויפיל מאָל באַפאַלן האָבן
זיי אונדז ביידן מיט דער שווערד.

ס'איז די שלאַנג פון משהס שטעקן —
משהס שטעקן איז די שלאַנג,
און זי האָט פון טויט ניט איינמאָל
אָפּגעהיט מיך אויף מיין גאַנג.

דאָס געזאָגט, האָט כלומרשט טרוי'ריק
זיך דאָס מענטשעלע פאַרטראַכט,
און די שלאַנג די פייער־רויטע
נענטער מיר צוגעבראַכט.

און צעשפּרייט ווי אַ פּאַטשיילקע
האָט ער זי, אַנטקעגן מיר,
און געבעטן מיך מחילה,
און אַ שפּיי געטאָן אין איר.

XVIII

אָ, מענטשעלע, קליין מענטשעלע,
וואָס לאָזטו מיך ניט אָפּ?
עס ברענט דאָך ווי אין גיהנם שוין
אַ שׂרפה אין מיין קאָפּ.

דער בעטלער האָט זיין בעטל־זאַק,
דער קעניג האָט זיין טראָן —
דער טרוימט פון גאָלד און דער — פון ברויט,
ווען ס'הייבט די נאַכט זיך אָן.

און איך וואָס האָב נאָר זיך אַליין,
און וויים ניט וואָס מיר פעלט —
פאַרוואָס האָסטו צו מאַטערן
מיך, אָרמען, אויסדערוויילט? — — — —

אַזוי האָב איך צום מענטשעלע
גע'טענה'ט אין דער נאַכט.
האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ
און שטומערהייט געלאַכט.

האָב אָנגעהויבן שעלטן איך
אונדז ביידן און די נאַכט.
האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ,
און שטומערהייט געלאַכט.

בין איך, פון ווייטיק שרייענדיק,
צו אים פון בעט אַראָפּ
און ווי מיט צוואַנגען, מיט די הענט,
אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ.

און ווי אַ ווילדער קאָוואַל שווינגט
זיין האַמער נאָכאַנאַנד, —
האָב איך געהאַמערט מיט זיין קאָפּ
אָן שטיינערדיקער וואַנט.

— אָ ברודער מיין, ברודער מיין,
וואָס שלאָגסטו קאָפּ אָן שטיין?
עס רינט דאָך שוין דאָס בלוט פון דיר,
אָ זע, אָ זע אַליין.

האָב איך דערפילט, ווי ס׳רינט אַראָפּ
פון קאָפּ ביי מיר דאָס בלוט, —
האָט זיך אין מיר נאָך מער צעברענט
די מערדערישע גלות.

האָב איך געכאַפּט דאָס מענטשעלע,
מיט נעגל אים געשטיקט.
און מיט די ציין אים שטיקערווייז
דאָס פלייש פון לייב געפליקט.

— אָ ברודער מיין, אָ ברודער מיין,
וואָס איז מיט דיר היינט נאַכט?
ווער איז דער שד, וואָס האָט עס דיך
פון זין אַראָפּגעבראַכט?

וואָס רייססטו זיך דאָס אייגן לייב?
וואָס שינדסטו זיך די הויט?
דו קאָנסט דאָך נאָך אַזוי אַליין,
פאַרמוטשען זיך צום טויט.

בין איך געפאלן צו דער ערד
מיט אָפּגעלאָזטע הענט, —
האָט מיך געבריט דאָס לייב, ווי ס׳וואָלט
דאָס העמד אויף מיר געברענט.

האָב איך פון ווינקל שטום אַפיר
מיך אויפרופן געהערט,
און אויסגעשפּרייט האָט ווער פאַר מיר
אַ תורה אויף דער ערד.

און מיט אַ קול, ווי פון אַ מת,
די תוכחה געליי׳נט.
האָט יעדער נערוו געוויינט אין מיר —
געפיבערט און געוויינט.

XIX

בין איך ניט ביים קלאָרן זין —
ווייס איך מער ניט וואו איך בין.
דרייט זיך וועלט מיט פעלד און שטאָט
אין אַ פייער-רויטן ראָד.
וואַקסט אַרויס אַ טשאָלנט-טאָפּ.
קריכט פון דאָרט אַרויס אַ קאָפּ.
זעט ער אויס מיט באָרד און האָר,
עלטער שוין פון טויזנט יאָר.
וואַקסט אַ מויז פון דיל אַרויס.
ווערט זי ווי אַ העלפאַנט גרויס.
גריזשעט זי די באָרד פון קאָפּ
און זי שלינגט די האָר אַראָפּ.
נעמט ביים האַנט מיך עמעץ אָן,
גיט צו טראָגן מיר אַ פאָן.
קוקט דער טאַטע פונעם בוים,
זידט אַרום זיין מויל אַ שוים,

רופט ער מיט אַן אויג און ווינקט.
הער איך ווי אַ פּושקע קלינגט,
ציט זיך אַ לויה־גאַנג,
איז ער טויזנט מיילן לאַנג.
קלינגען פּושקע־קלאַנג און טריט,
טויזנט־יאָריק אַלט און מיד.
דאַכט זיך מיר אַז עמעץ זיצט
אין אַ טלית, בלוט־באַשפּריצט,
אין דער מיטה, און ער ברענט
מיט אַ תורה אין די הענט.
וויגט ער זיך אַהין אַהער ,
פרעג איך וואָס דאָס איז, און ווער?
דאַכט זיך מיר אַז איך אַליין
זיץ אין מיטה און איך וויין.

טראַכט איך — ווער און וואו איך בין,
און פון וואַנען, און וואוהין —
ציט זיך אויס אַ קייט, וואָס גליט
ווי אַ שלאַנג פון גאָלד געשמידט.
דרייט די קייט זיך נאָכאַנאַנד
זיבן מאָל אַרום מיין האַנט.
וואַקס איך אויס אין לאַנד ביים ניל,
וואו עס וואוינט דער קראָקאָדיל,
טוט מען דאָרט מיך נאַקעט אויס.
ברענגט מען מיך אין קעניגס הויז.
הער איך ווי דער קעניג שרייט —
וואַרפן שקלאַפן זיך און לייט
פאַר דעם קעניג צו דער ערד.
שלאָגט ער זיי מיט פוס און שווערד.
ברענגט אַ שקלאַף אים פלייש און וויין —
שפּייט ער אין דער טאָץ אַריין.
ברענגט מען אים אַ נאַקעט ווייב —
שלאָגט ער מיט אַ בייטש איר לייב
און דאָס האַרץ איר שניידט ער אויס,

און ער זויגט דאָס בלוט אַרויס.
זויגט ער און ער וויל נאָך מער —
ברענגט מען מיך צו אים אַהער.
הויבן די מכשפים אָן
דרייען זיך אַרום זיין טראָן:

— קעניג, ווילסטו זיין געזונט,
הייס אים שלאָגן ווי אַ הונט.

— קעניג, ווילסטו פֿריילעך זיין,
מויער אים אין וואַנט אַריין.

— קעניג ווילסט אַ שיינע שפּיל,
וואַרף־זשע אים אַריין אין ניל.

— קעניג, ווייז אונדז דיין גענאָד,
מאַך זיך פֿון זיין בלוט אַ באָד.

מויערט מען אין וואַנט מיך איין,
וואַרפֿט מען מיך אין ניל אַריין,
זויגט מען מיר פֿון האַרץ דאָס בלוט
וויים איך מער ניט וואָס מען טוט.
וויין איך, שריי איך אין מיין נויט,
און איך בעט אויף זיך דעם טויט,
און איך שפּרינג אין ים אַריין
אויסגעלייזט צו זיין פֿון פּיין.
הייסט דער קעניג כאַפּן מיך.
וואַרפֿן אין די כוואַליעס זיך
קעניגס לייט, מיט שפּיז און שווערד,
און מיט רייט־וועגן און פערד.
זע איך אַלע אונטערגיין,
ווי אַן איינציק גרויסן שטיין.
איז דאָס זייער ווייסטע שטראָף —
וואַרט איך אויף דעמזועלבן סוף.
טראָגט אַ כוואַליע מיך אוועק,

און זי ברענגט מיך צו אַ ברעג.
איז דער ברעג אַ וויסטער אָרט —
איז נישטאָ קיין וואַסער דאָרט.
איז די ערד פאַרטריקנט רויט —
איז נישטאָ אויף איר קיין ברויט.
ציט זיך, ציט זיך יאָרן לאַנג
איבער סטעפּ און באַרג מיין גאַנג.
דאַכט מיר, אַז איך וועל אַליין
זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטיין
און איך וועל שוין מער קיינמאָל
קומען אין אַ מענטשן-טאָל.

ווייס איך ניט וואוהין צו גיין —
גיי איך, גיי איך און איך וויין.
דרייט די קייט זיך נאָכאַנאַנד
זיבן מאָל אַרום מיין האַנט.
מאַכט אַ טאָג זיין טויער אויף,
גייט אַ מאָרגן-זון אַרויף;
קום איך אין אַ לאַנד אַריין,
פליסט דאָרט האָניק, מילך און וויין,
בענטש איך, וויינענדיק, די ערד,
וואו ס'איז רו פאַר מיר באַשערט.
און איך שטעל מיר אויף אַ הויז,
און איך פלאַנץ אַ גאָרטן אויס;
זע איך ווי מיין גאָרטן בליט,
און די זון וואָס לויכט און גליט
איבער פעלד און טייך און בוים —
זיץ אין שאָטן איך און טרוים.
טרוימט זיך מיר אַ ווייט שטיק ערד,
וואָס ווערט חרוב דורך דער שווערד.
טרוימט זיך מיר אַ לאַנד וואָס ברענט,
שרייט אַ פאָלק און שטרעקט די הענט.
טרוימט זיך מיר אַ שווערד פון פלאַם
איבער וועלט און פעלד און ים.

דאַכט מיר, אַז די וועלט איז מיד
און זי בענקט נאָך רו און פריד.
זע איך, טרוימענדיקערהייט,
רייטן זיך אין ווייסן קלייד.
האָב איך ניט קיין קרוין, קיין שווערד,
רייט איך אויף אַ ווייסן פערד;
פלעכט די זון פון ליכט און גלאַנץ
אויף מיין קאָפּ אַ שטראַלן־קראַנץ.
פליען טויבן מיר פאָראויס
דורך דער וועלט לאַנד איין לאַנד אויס.
זאָגן זיי מיין קומען אָן;
קומען מענטש און לייב און האָן,
קומען פריילעך קינד און קייט
אויף דעם רוף פון מיין טראָמפּייט.
הויבן אָן צו גיין, צו זען,
ווער ס׳איז בלינד און קרום געווען;
הערט מיין רוף דער בייזער טויט,
שפּרינגט ער איבער צוים און פלויט,
שפּרינגט ער איבער בוים און הויז —
לויפט ער פון דער וועלט אַרויס.
עפנען זיך די קברים אויף,
שוועבן קינדערלעך אַרויף;
שוועבן זיי, אין זונען־שיין,
מאַמעס אין די הענט אַריין.
קומען לייט מיט זילבער־בערד,
בליען בלומען אויף דער ערד
הינטער זיי׳רע טריט אַפיר.
טוט זיך אָן אין יום־טוב־ציר
באַרג און טאָל און וואַלד און פעלד.
זע איך אָט־אַזוי די וועלט —
אָנגעטאָן אין רו און פריד.
וויינט מיין האַרץ פון פרייד און גליט.
וויינט מיין האַרץ און זינגט אין טרוים
אין דעם שאָטן פון מיין בוים.

בענק איך שוין דעם טאָג צו זען,
ווען עס וועט אַזוי געשען.
דרייט די קייט זיך, נאָכאַנאַנד
זיבן מאָל, אַרום מיין האַנט.
גיט די זון איר לעבן אָפּ
און עס קומט אַ נאַכט אַראָפּ.
הער איך שווערן זעלנער־גאַנג,
זעלנער־גאַנג און שווערד־געקלאַנג;
פרעגט מען ביים לאַמטערן־שיין,
צי איך וויל אַ קעניג זיין.
זאָג איך — ניט פון אַט דער וועלט.
לאַכט מען אין אַ ראָד צעשטעלט
און, ווי פאַר אַ קעניגס טראָן,
הויבט מען זיך צו נויגן אָן.

— גרויסער קעניג מאַנספערשוין
וואָס אים פעלט איז נאָר אַ קרוין.

— האָט אַ הארץ מיט פרייד און פריד
נאָר קיין הויפלייט האָט ער ניט.

— האָט אַ קאַמער אויך מיט מייז,
פעלן פעלט נאָר וויין און שפייז.

— האָט אויך אַ האַרעם, יאָ, יאָ,
נאָר קיין ווייב איז דאָרט נישטאָ.

שווייג איך און איך ענטפער ניט.
נעמט מען מיך אַריין אין מיט
און אַרום מיין קאָפּ אַרום
פלעכט מען דערנער שפּיציק־קרום.
נעמט זיך אָן אַ גאַסן־ווייב —
רייסט מען איר דאָס קלייד פון לייב
און מען טוט דאָס אָן אויף מיר
פאַר אַ קעניגלעכער ציר.

און מען שטרעקט און ציט מיך אויס
אויף אַ צלם שוואַרץ אַ גרויס.
שלאָגט מען מיך מיט טשוועקעס אָן
און מען רופט דאָס אָן מיין טראָן.
ברענט די וואונד אין פיס און הענט
ווי אַ גיהינום-פייער ברענט;
וויין איך אין מיין פיין און נויט
און איך בעט אויף זיך דעם טויט.
הייבט דער צלם אָן צו גיין
איבער וואַלד און פעלד און שטיין.
גייט דער צלם און איך הענג
אויסגעצויגן אין דער לענג.
לויפן, וואָיענדיק פון שרעק,
מענטש און הינט און רינד אַוועק.
יאָגט זיך ווילד דערווינט פאַראויס —
רייסן גראָז און בוים זיך אויס.
קערט זיך איבער הויז און פלויט,
ווערט די נאַכט ווי פייער רויט.
קום איך ביי דעם רויטן שיין
אין אַ פרעמדן לאַנד אַריין.
שטרעקט מען הענט פון דאָ און דאָרט
און מען רייסט מיך ביי דער באָרד.
מאַכט זיך אויף אַן אייזן-טיר,
שפרינגט פון דאָרט אַ לייב אַפיר.
רייסט ער מיר דאָס פלייש אַראָפ
שטיקערווייז פון האַנט און קאָפ. —
בלייבט ער ליגן אין דעם זאַמד
און ער רעוועט ווי פאַרסמט.
לויף איך אין דער נאַכט אַרויס,
לויפט דער צלם שוואַרץ און גרויס
הינטער מיר דורך נאַכט און ווינט.
רוף איך הורכן חושך בלינד —
טראָגט זיך מיר פאַראויס מיין קול
איבער סטעפ און באַרג און טאָל.

פאַלן אַן ביי יעדער טיר
אַלע בייזע הינט אויף מיר.
לויף איך, לויף איך אַן אַן ענד
און איך רוף און שטרעק די הענט.
קום איך אין אַן אַנדער אָרט,
וואַרפט מען מיך אין פייער דאָרט —
הויב איך מיט דעם פלאַם זיך אויף
און איך וואַקס צוריק אַרויף.
גליט מען אייזן פייער־רויט,
שינדט מען פון מיין לייב די הויט —
שמעלצט דאָס אייזן אין דער גלוט
פון מיין ברענענדיקן בלוט.
טרייבט מען ווי אַ בייזן שד
מיך מיט פסוקים און געבעט.
לויף איך איבער שטעג און וועג,
הער איך הינטער מיר געיעג.
זע איך צלמים מער און מער
יאָגן זיך צו מיר אַהער.
זע איך זיך, ווי דורך אַ רויך,
אויף די צלמים אין דער הויך.
שליס די אויגן איך און לויף,
הויבן קלויסטער־ווענט זיך אויף.
זע איך הענגען זיך אַליין,
בלוטנדיק אויף יעדן שטיין.
רופט אַ גלאָק צום תפילה־גאַנג,
וויינט מיין בלוט אין זיין געקלאַנג.
שטרעקן קלאַנג און קלויסטער־ווענט
זיך צו מיר ווי פייער־הענט.
גראָב איך מיר אַ גרוב אַליין
אין דער ערד מיט הענט און ציין.
שפייט די ערד מיך אויס צוריק,
בלייב איך ליגן בלוטנדיק.
הייבט זיך אויף אַ פייער־שווערד
צווישן הימל און דער ערד.

טראָגט זיך אָן פון אומעטום
אויסגעמישט מיט פּי־געברום
ווײ־געשרײ פון מענטש און קינד,
ווי געקלאָג פון וועלף און הינט.
פּרוּוו איך רופן נאָכאַמאָל,
שטיקט זיך אין דער ברוסט מײַן קול.
ווײס איך מער ניט וואו איך בין —
וואַרף איך זיך אַהער־אַהין,
און מיט וועלט און פעלד און שטאָט
דרײ איך זיך אין פײַער־ראָד.

ליגן בערג מיט קעפּ און הענט,
צווישן פלאַם און רויך פאַרברענט.
זע איך אַז איך בין אַלײן
אין אַ סטעפּ פון זאַמד און שטײן.
וויין איך מיר די אויגן רויט,
וואָס מיר נעמט זיך ניט קיין טויט.
קומען פּושקע־קלאַנגען שווער
ווידער פון דער ווײַט אַהער.
זע איך אַ לוויה־גאַנג
איז ער טויזנט מײלן לאַנג.
קלינגען פּושקע־קלאַנג און טריט
טויזנט־יאָריק אַלט און מיד.
זיצט אין מיטה ווער און ברענט
מיט אַ תורה אין די הענט.
וויגט ער זיך אַהין־אַהער —
פרעג איך וואָס איז דאָס און ווער?
ציט זיך אויס אַ שלאַנג, וואָס גליט
ווי אַ קייט פון גאָלד געשמידט.
דרייט די קייט זיך, נאָכאַנאַנד
זיבן מאָל, אַרום מײַן האַנט.
דאַכט זיך מיר, אַז איך אַלײן
זיץ אין מיטה און איך וויין.
מאַכט בײם וועג אַ גרוב זיך אויף,

קומט אַ קול פון דאָרט אַרויף.
וויינט און פרעגט — וואוהין? — דאָס קול.
וויינט און ענטפערט באַרג און טאָל:
— אייביק רולאָז, אייביק בלינד
וואָגלען וואָלקנס מיט דעם ווינט.

XX

שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ שנייאיקן פעלד,
לאָזט מען מיך איבער אַליין.
קומט אויף אַ קוליע, פאַרבונדן דעם קאָפּ,
דאָס מענטשעלע ווידער צוגיין.

רופט עס מיך קעניג, און נויגט זיך פאַר מיר,
און פרעגט נאָך מיין וואונטש, מיין באַגער.
זאָג איך אים: — זעסט דאָך אַז איך בין אַליין,
און רירן זיך קאָן איך ניט מער.

טוט ער אַ וואונק — קומט, פון זעלנער געיאָגט,
אַ נאַקעט סקעלעט פון דער וויים.
הייבט עס די פיס, ווי ביי נאַכט אין אַ שענק
אַ מויד צווישן שיכורע לייט.

הייבט עס די פיס און עס טאַנצט אַרום מיר,
טאַנצט עס און זינגט מיט געברום:
— אַזוי זאָל זיך דרייען דער טויט אַרום דיר
אין אייביקן רעדל אַרום. —

וואַקסן אוים ווייבער אַ מחנה פון דר'ערד —
בראָט מען ביים פייער אַ קינד.
טיילט מען מיט הענטלעך און פיסלעך זיך איין,
לאָזט מען דעם קאָפּ פאַר די הינט.

טיילט מען זיך איין, און די ביינער פון קינד
הייבט מען און וואַרפט מען אויף מיר.
— אַזוי זאָל מען פרעסן דיין לעבעדיק לייב
ביז דאָס־אַ וועט בלייבן פון דיר. —

קומען אַןביימער פון איטלעכער זייט,
וויגן זיך טויטע אויף זיי.
וואַרפט זיך אַרויף אויף די ביימער דער ווינט,
וואַרפט אויף די טויטע מיט שניי.

שטעלן די טויטע זיך אוים אין אַ ראָד
אַזוי ווי מען שטייט פאַר אַ טראָן:
— געטאָן זאָל דיר ווערן דאָס אייגענע בייז,
וואָס אונדז איז געוואָרן געטאָן.

אויף אייביק פאַרוויסט זאָל פאַרבלייבן די ערד,
וואו דו האָסט געשפּונען דיין טרוים.
זאָל הענגען דאָרט, אַן אַ פאַרוואָס, אַלע נאַכט
אַן אַנדערער אונטער דיין בוים.

און שטרעקסטו דיין האַנט אַ פאַרבענקטער אַהין —
געליימט זאָל דיר ווערן דיין האַנט.
דערשטיקט זאָלסטו ווערן אין מיטן פון וואָרט,
ווען דו וועסט דערמאָנען דאָס לאַנד.

און שטאַרבנדיק זאָלסטו אַרומוואָגלען אויך,
און קיינמאָל געשטאָרבן ניט זיין,
דערפאַר וואָס דו שלעפסט מיט דיין קעניגס־טרוים אונדז
אַן אויפהער, לאַנד־ אוים און לאַנד־איין. —

הער איך די טויטע מיך שילטן אַזוי,
וויין איך און שעלט זיך אַליין.
פאַלט פון די טויטע דאָס אָמן אויף מיר,
אַזוי ווי אַ שטיין נאָך אַ שטיין.

קומט אין אַ לײדיקן װאָגן געשפּאַנט
אַ פערד, װי דער שנײ אַזױ װײס.
הענגט אים געפרױרן דאָס בלוט פונעם מױל,
גלאַנצט אױף זײן גריװע דאָס אײז.

שטרעק איך צום מענטשעלע אױס מײנע הענט,
קוקט עס מיך אָן אַזױ קאַלט.
זע איך דעם װאָגן פאַרזונקען אין שנײ,
זע איך דאָס פערד װי עס פאַלט.

טראָגט זיך אַ קול דורכן װינט, דורך דער נאַכט,
רופט עס — אָהאָי! — און — אָהאָ! —
קוק איך זיך אום, אין דער װײט, אין דער ברײט
איז שױן מער קײנער ניטאָ.

XXI

דאַרף מײן קלײד אַ װײסע זײן,
הילט דער װײסער שנײ מיך אײן.
ליג איך קעניג פון דער װעלט,
אָן אַ קרױן אין מיטן פעלד.
רינגלען ראָבן מיך אַרום —
זיבן ראָבן שװאַרץ און שטום —
צײכנס פון די זיבן טעג,
װאָס איך האָב געהאַט אין װעג.
זיצן אױף מײן קאָפּ שױן צװײ.
זיצן ראָבן פיר אױף זײ.
זיצט די עלטסטע אױבן אָן.
שרעק איך זיך אַ ריר צו טאָן.
װערט מיר שװער, װי בלײ, דער קאָפּ,
און דאָס האַרץ מײנס שטעלט זיך אָפּ.
רופט אַ קול מײן נאָמען אױס,
שפּרינגען פון דער ערד אַרױס

זיבן שדים מיטאמאָל.
און מיט אויגן גרוי ווי שטאָל,
און מיט בערד פון אייזן־דראָט
דרייען אַלע זיך אין ראָד
און זיי פּליעסקען מיט די הענט,
צו מיין טויטן־בעט געווענדט:

— האָללאַ ,האָללאַ, מאַנספּערשוין,
מלך אין דער ראָבן־קרוין.

האָט אַ לאַנד די שטאָט, דאָס פעלד,
האָט אַ לאַנד די גאַנצע וועלט,
ליגט ער, ליגט ער, ווי אַ שטיין,
און ער לאָזט זיין לאַנד אַליין.

האָללאַ, האָללאַ, מאַנספּערשוין,
מלך אין דער ראָבן־קרוין.

האָט אַ טיש מיט ברויט און וויין,
און אַ טאָג מיט זונען־שיין,
און ער האַלט דאָס מויל פאַרמאַכט,
און די אויגן ווי ביי נאַכט —

האָללאַ, האָללאַ, מאַנספּערשוין,
מלך אין דער ראָבן־קרוין.

האָט אַ צונג און זינגט ניט מיט,
האָט אויך הענט און רירט זיי ניט.
וואָשן מיר פון זינד אים ריין,
ווייל ער קאָן עס ניט אַליין —

האָללאַ, האָללאַ, מאַנספּערשוין,
מלך אין דער ראָבן־קרוין.

האָט ער ניט קיין ווייסע קלייד,
האָבן מיר דאָס אויפגעניית.
ניט פאַרלאַנגט קיין גראָשן געלט,
ניט געפרעגט צי אים געפעלט —

האַללאַ, האַללאַ, מאַנספערשוין,
מלך אין דער ראָבן־קרוין.

שטייט זיין בעט אין פרעמדן הויז,
גראָבן מיר אַ גרוב אים אויס,
וואַרפן מיר אים דאָרט אַריין,
וועט ער דאָרט שוין אייביק זיין —

האַללאַ האַללאַ, מאַנספערשוין,
מלך איז דער ראָבן־קרוין.

XXII

רופט אַ קול מיין נאָמען אויס,
שפּרינגען פון דער ערד אַרויס
זיבן ווייבער, נאַקעט הויל,
און מיט פּנימער ווי קויל.
און מיט אויגן פייער־רויט,
קוקן זיי ווי איך בין טויט;
און מיט נעגל ראָבן־שוואַרץ
רייסן זיי אַרויס מיין האַרץ,
און צעשניידן עס אין הייל,
און זיי צײלן זיבן טייל:

— ערשטער טייל: דאָס קינד אין וויג —
וואַרפן זיי אַריין צוריק.

— צווייטער טייל: די יוגנט־טעג —
שענקען זיי צו הינט אַוועק.

— דריטער טייל: די בענקעניש —
וואַרפֿן זיי אונטערן טיש.

— פערטער טייל: די לעבנס־לוסט —
ליידיק איז דאָס אָרט און פּוסט.

— פינפטער טייל: אַ האַלבע ליד —
וויל פון זיי דאָס קיינער ניט.

— זעקסטער טייל: טאַבאַק־געריך —
שרייען אַלע אויס אַ פלוך.

— זיבעטער טייל: אַ בינטל הויט
פול מיט מורא פאַרן טויט —

טוען זיי דעם טייל אַ נעם,
און זיי שפּייען אָן אויף דעם,
יעדע איינע זיבן מאָל,
און זיי שרייען אויפן קול.
שרייען זיי און דרייען זיך
ווי אַ ווינט, אין רעדל גיך.
און מיט אויגן פייער־רויט
קוקן זיי, ווי איך בין טויט.

XXIII

הער איך דריי פאַרטאָג דעם זייגער שלאָגן,
נעמט זיך טאָג-ליכט ווייזן אין די שויבן;
דעקט מען צו מיט שערבלעך מיר די אויגן,
וואַרפט מען אויף מיר ערד אַראָפּ פון אויבן.

גייט מיר אוים דער אָטעם. ווערט מיר ענגער.
וויל איך רופן — איז נישטאָ מער קיינער.
הער איך סקריפּען וועגענער וואָס קומען —
לאָדט מען אוים פון זיי מצבה-שטיינער.

לייען איך אויף אַ שטיין מיין שוועסטערס נאָמען —
זע איך ליגן זי אין קבר אירן.
האַלט זי מויל און אויגן אויפגעעפנט.
שרעק איך זיך איר פנים אָנצורירן.

לייען איך אויף אַ שטיין מיין ברודערס נאָמען —
ליגט ער צווישן נישט-באַגראָבן-טויטע.
מיט די ציין אין דר'ערד אַריינגעגראָבן,
אין דער האַנט אַ שווערד, פון בלוט אַ רויטע.

לייען איך אויף אַ שטיין מיין טאַטנס נאָמען —
הער איך קינד און קייט אין שטעטל קלאָגן:
— מ'האָט דעם שטריק אים אויפן האַלדז פאַרוואָרפן
האַלבע נאַכט, אין מיטן תהילים-זאָגן.

לייען איך אויף אַ שטיין מיין מאַמעס נאָמען —
פרעג איך: מאַמע, וואו ביסטו באַגראָבן?
הער איך ווי מיין מאַמע וויינט און בעט זיך
כ'זאָל אויף קיינעם קיין בייז האַרץ ניט האָבן.

לייען איך אויף אַ שטיין מיין אייג'נעם נאָמען —
פיל דעם צלם איך וואָס אויף מיין האַרצן.
שטעלט מען שטאַנגען אויף אַרום מיין קבר,
ציט מען אוים אויף זיי אַ דעק אַ שוואַרצן.

קומען קלעזמער אנגעטאן אין ווייסן,
טאנצט א מת פאראויס מיט ליכט און חלה.
קומען אין דעם שיין פון גרויען טאג-ליכט
מחותנים — מתים, מתים אלע.

וועקט פון שלאף זיך אויף א האן וואו-ערגעץ,
בילט א הונט וואס הערט דעם צימבל קלינגען — — — —
וואקסן פון דער ערד ארויס מיט פאנען
קארליקלעך, וואס דרייען זיך און זינגען,

קוק איך אויף די קארליקלעך וואס זענען,
נישט-געבעטענע, אהער געקומען.
זע איך פריצים אויך אין יום-טוב-קליידער,
אין די הענט מיט קרענץ פון קברים-בלומען.

לייגן זיי די קרענץ מיר אויף מיין קבר
און זיי צלמען זיך ברוסט און שטערן.
הער איך בעטן זיי, מיט קעפ ארונטער,
מיין נשמה זאל געלייטערט ווערן.

וויל איך איינמאל עפענען די אויגן,
וויל איך עפעס נאך ביי וועמען פרעגן;
ברענגט מען טויטע מער און מער צו טראגן —
הער איך גריבער גראבן. ביימער זעגן.

לאזן פייגל זיך אראפ און וויינען,
וואס מען טוט זיי זייער היים פארדארבן.
דאכט זיך מיר, אז ווי מיין נישטיק לעבן
איז א זינד א שווערע אויך מיין שטארבן.

וויין איך שטיל פאר זיך אליין און בעט זיך
מיין נשמה זאל געלייטערט ווערן.
דרייען זיך קארליקלעך אין ראד, מיט פאנען — — — —
צלמען זיך פריצים ברוסט און שטערן — — — —

XXIV

ווען די מאָרגן־זון וועט קומען,
וועלן רוישן טייך און מילן.
וועלן מאָרגן־טוי און שטראַלן
זיך מיט בוים און בלומען שפּילן.

ווי עס וויינט דער טוי צו־מאָרגנס
אויף צו־פרי־פאַרוועלקטע בלומען,
וועט מיין יונגע כלה וויינען,
ווען די מאָרגן־זון וועט קומען.

ווער ס'עט שפּילן זיך מיט קינדער,
ווער ס'עט אַקערן די פעלדער,
ווער ס'עט מיט די פייגל זינגען,
אַטעמדיק דעם רויש פון וועלדער.

איך וועל אין אַ הויז אַ פרעמדן
ליגן לעבעדיק באַגראָבן.
שטום, ווי אויף אַ טויטן־אינדזל,
צווישן פעלזן־ווענט און ראָבן.

XXV

דורך דער וועלט די באַנען וועלן
פאַר דעם טאָג פאָראויס זיך יאָגן.
שיפן וועלן איבער ימים
זין צו זייערע טאַטעס טראָגן.

איך וועל מיט אַ שיף זיך שפּילן
וואָס וועט אויף אַ בלוט־ים ברענען,
און וועט מער שוין קיינמאָל, קיינמאָל
צו קיין ברעג ניט קומען קענען. — — —

ווען איך וועל טויט זיין הייב מיך אויף
און בינד מיך אויף אַ פערד אַרויף,
און לאָז אַזוי מיך טויטערהייט
פון קיינעם ניט אין וועג באַגלייט.
ביז איך וועל טריט ביי טריט אַליין
צעפאַלן זיך אויף גראָז און שטיין.
און דו, וואָס דו האָסט אָפּגעווויסט
דיין לעבן לעבן מיר אומזיסט, —
פאַרטיליק דעם לעצטן צייכן דאָ
פון דעם, וואָס איז שוין מער נישטאָ.
זאָל זיין, אַז בלויז אַ טרוים פון שרעק
איז דאָ געווען און איז אַוועק.
מיך האָט דאָ קיינער ניט געזען,
איך בין דאָ קיינמאָל ניט געווען.

ביבליאָגראַפיע

צוזאַמענגעשטעלט פון

יעפים ישורין

יעפים ישורין:

משה לייב האַלפּערן־ביבליאָגראַפיע

ביכער וועגן משה לייב האַלפּערן

באַטאַשאַנסקי, יעקב
מ. ל. האַלפּערן. פאַרלאַג בוכהאַנדלונג „יידיש", פון ד. גאַראַדיסקי, בוענאָס־איירעס, 1932, 56 זייטן.

גרינבערג, אליעזר
משה לייב האַלפּערן אין ראַם פון זיין דור. אַרויסגעגעבן פון מ. ל. האַלפּערן אַרבעטער־רינג ברענטש 450, ניו־יאָרק, 1942, 136 זייטן.

וויינפּער, ז.
משה לייב האַלפּערן. פאַרלאַג „אויפקום", ניו־יאָרק, 1940, 124 זייטן.

פּובליקאַציעס, רעדאַקטירט פון משה לייב האַלפּערן

פון מענטש צו מענטש. אַ זאַמלבוך פאַר פּאָעזיע. רעדאַקטירט צוזאַמען מיט משה נאַדיר. ניו־יאָרק, 1915.

איסט בראָדוויי ז"ב, רעדאַקטירט צוזאַמען מיט מנחם באָריישאַ, ניו־יאָרק, 1916.

„אַטעם" — מאַנאַטשריפט, רעדאַקטירט צוזאַמען מיט ב. גראַבאַרד און ז. וויינפּער, 1923.

לידער וועגן משה לייב האַלפּערן

אַקערמאַן, העניך
טאָג פון משה לייבס לוויה. לאָס אַנדזשעלעס, יאַנואַר 1933.

באַסין, מ.
משה לייב האַלפּערן. „אויפקום", ניו־יאָרק, מערץ־אַפּריל, 1935, ז' 3.

גלאַטשטיין, יעקב
משה לייבס קול. „אויפקום", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1932, ז"ז 12־13.

גלאַטשטיין, יעקב
מ. ל. האַלפּערן. „דעם טאַטנס שאָטן", פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1953.

גראַפּשטיין, גרשון
אויף האַלפּערנס טויט. „אויפקום", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1932, ז' 30.

גראַפּשטיין, גרשון
משה לייב האַלפּערן. „אויפקום" ניו־יאָרק, דעצעמבער 1932.

דאָרפּמאַן, זעליק
משה לייב. „אַמאָל איז געווען אַ מלך". ניו־יאָרק, 1948, ז"ז 70־71.

דילאָן, א. מ.
מ. ל. האַלפּערן. „אויפקום", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1932, ז' 4.

דילאָן, א. מ.
אויפן טויט פון מ. ל. האַלפּערן. די לידער פון א. מ. דילאָן, ניו־יאָרק, 1935, ז' 77.

דייטש, מאַטעס
משה לייב.

הייזלער, קלמן
משה לייב האַלפּערן. „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, אָקטאָבער 28, 1938, ז' 7.

הייזלער, קלמן
משה לייב האַלפּערן. „המשך" אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקאַנער־יידישער דיכטונג, צוזאַמענגעשטעלט פון משה שטאַרקמאַן, ניו־יאָרק, 1945, ז"ז 170־171.

הייזלער, קלמן
משה לייב האַלפּערן. מיינע קומאַרנער נעבעך... ניו־יאָרק 1953, ז"ז 58־60.

הייזלער, קלמן
איכה ישבה „עווניע". מיינע קומאַרגער נעבעך... ניו־יאָרק, 1953, ז' 69.

וויינפּער, ז.
משה לייב האַלפּערן. „אויפקום", ניו־יאָרק, אַפּריל־מאַי 1931, ז"ז 24־25.

וויינפּער, ז.
מיינע נישט דערערדטע רייד צו משה לייבן. „אויפקום", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1932, ז"ז 7־8.

וויינפּער, ז.
משה לייב האַלפּערן. „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 436/37.

וויינפּער, ז.
משה לייב — אונדזער ברוזיקער זינגער. „יידישע קולטור", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1942, ז' 30. דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן, ניו־יאָרק, 1943, ז"ז 184־185.

ווייסמאַן, י.
אַ, קום אַראָפּ, משה לייב. „עפּאָכע", ניו־יאָרק, מאַי־יוני 1947, ז"ז 103־110.

זאַרעצקי, אַננאַ
משה לייב האַלפּערן — צו זיין ערשטן יאָרצייט. „קינדער־זשורנאַל, סעפּטעמבער 1933, ניו־יאָרק.

זאַרעצקי, אַננאַ
צו משה לייב האַלפּערן. „המשך" אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקאַנער יידישער דיכטונג, צוזאַמענגעשטעלט פון משה שטאַרקמאַן, ניו־יאָרק, 1945, ז"ז 355־356.

טשאַרני, דניאל
משה לייבן אויפן קבר. „אויפקום", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1932, ז' 8.

מאַני לייב
משה לייב. „פאָרווערטס", ניו־יאָרק, אויגוסט 1933.

נאַדיר, משה
1. איך און משה לייב. 2. אַ נדבה. צווי לידער, „טאָג", ניו־יאָרק.

נאַדיר, משה
צו אַ גאַסן־קויפער. „מאָרגן־פרייהייט", ניו־יאָרק.

עסעלין, אַלטער
מלך גוטער. אַנטאָלאָגיע מיטוועסט־מערב, שיקאַגאָ, 1932־1933, ז' XIV.

פיינבערג, ל.
משה לייב האַלפּערן. „טאָג", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 3, 1949.

פיינבערג, ל.
משה לייב האַלפּערן. „יידיש", ניו־יאָרק, 1950, ז' 32.

קאַרמאַן, ע.
משה לייב. אַנטאָלאָגיע מיטוועסט־מערב, שיקאַגאָ, 1932־1933, ז"ז XI—XIII.

קאַרמאַן, ע.
ניט גלויב אַז טויט איז משה לייב. אַנטאָלאָגיע מיטוועסט־מערב, שיקאַגאָ, 1932־1933, ז"ז XV—XVII.

קליין, נחמיה
צו מהש לייב האַלפּערן. „המשך" אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקאַנער יידישער דיכטונג, צוזאַמענגעשטעלט פון משה שטאַרקמאַן, ניו־יאָרק 1945, ז"ז 192־193.

קריזאַנאָווסקי, א. י.
משה לייב ! משה לייב ! „דאָס טעגלעכע ברויט", ניו־יאָרק, 1946, ז"ז 149־150.

שאַפּיראָ, ל.
קדיש נאָך משה לייב האַלפּערן. „אויפקום", ניו־יאָרק ,סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1932 ז' 4.

שוואַרץ, שלמה
די באַלאַדע פון משה לייבס גינגעל. „אַנטאָלאָגיע מיטוועסט־מערב", שיקאַגאָ, 1932־1933, ז"ז XVII—XIX.

שווייד, מאַרק
משה לייב האַלפּערן. „אויפקום" ניו־יאָרק, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1932, ז' 6.

שווייד, מאַרק
משה לייב האַלפּערן. „אַלע לידער און פּאָעמעס", ניו־יאָרק 1952, ז. 345.

שטיינבערג, נח
משה לייב. „פאַרלאַנגט אַ מענטש", ניו־יאָרק, 1952, ז' 74.

שטיינבערג, נח
משה לייב האָט איינגעזען. „פאַרלאַנגט אַ מענטש", ניו־יאָרק, 1952, ז' 74.

שטיינבערג, נח
אפילו דער טויט. „פאַרלאַנגט אַ מענטש", ניו־יאָרק, 1952, ז' 75.

שטיינבערג, נח

אויך משה לייב האָט פאַרלוירן. „פאַר־לאַנגט אַ מענטש״, ניו־יאָרק, 1952, ז׳ 75.

שטיינבערג, נח

אין משה לייבס געמיט. „פאַרלאַנגט אַ מענטש״, ניו־יאָרק, 1952, ז׳ 76.

שימעל, משה

משה־לייב, משה־לייב... „גלאָבוס״, וואַרשע, נומער 3, סעפּטעמבער 1932, ז׳ 9.

שניידער, סימעלע

משה לייב געדענקט.

שפּריצער, אַוויגדער

משה לייב האַלפּערן, איך גיי צו דיין לוויה. „די פּרעסע״, בוענאָס־איירעס.

שקאָלניקאָוו, א. ש.

משה לייב האַלפּערן. „ליטעראַרישע העפטן״, טאַהאָנגאַ, סעפּטעמבער־דעצעמבער 1947, ז׳ 59.

אויסער די אַלע אויסגערעכנטע לידער וועגן מ. ל. האַלפּערן, זיינען לויט דער באַהויפּטונג פון דעם דיכטער אליעזר גרינבערג, אין זיין בוך „משה לייב האַלפּערן אין ראַם פון זיין דור״, אַרויסגעגעבן פון מ. ל. האַלפּערן אַרבעטער־רינג ברענטש 450, ניו־יאָרק, 1942, ז׳ 123, אויך געשריבן געוואָרן לידער פון די פאָלגנדע דיכטער:

בראַנשטיין, י. מ. א.
גאָלדמאַן, מ.
גויכבערג, י.
גלאַנץ, י.
גראָס, נפתלי
גרינבערג, אליזר
העלער, ז.
טאַבאַטשניק, א.
מאַנגער, איציק
נייגרעשל, מ.
סיגאַל, י. מ.
סלאָנים, י.
פיגינבערג, ע.
קאָן, יאָסל
ראָלניק, י.
שטיקער, מ.
שנאַפּער, ב.

אַרטיקלען וועגן משה לייב האַלפּערן

א—ר

דוד איגנטוב ע״ה. „הדואר״, ניו־יאָרק, מערץ 5, 1954, ז׳ 332.

אויערבאַך, אפרים

דוד איגנאַטאָוו בייטראַג צו יידישער ליטעראַטור. „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, ניו־יאָרק, מערץ 2, 1954.

אונגער, מנשה

יעקב שאצקי ביבליאָגראַפיע, ניו־יאָרק, 1939, ז״ז 72, 76.

איגנאַטאָוו, ד.

אויפן ערשטן קבר פון איינעם פון די „יונגע״. „יידיש״, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 9, 1932.

איגנאַטאָוו, דוד

אַ קאַפּיטל „יונגע״. צוקונפט, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1944, ז״ז 752, 753, 756.

אייזלאַנד, ר.

מ. ל. האַלפּערן. „טאָג״, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 4, 1932.

אייזלאַנד, ר.

פאַרברידערונג. „זישע לאַנדוי זאַמלבוך״, ניו־יאָרק, 1938, ז׳ 25.

אייזלאַנד, ר.

אַ קראָם אַן קונים. זכרונות. „טאָג״, ניו־יאָרק, מאַי 14, 1939.

